STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03090

DOS IDISHE BUKH IN AMERIKA

Morris Samuel Sklarsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה שמואל שקלאַרסקי

דאַס אידישע בוך אין אַמעריקאַ.

(אַ בלעטל געשיכטע)

ניו-יאָרק, יוני, 1924

געווידמעט די אידן אינ'ם גלות פאלעסטינע.

צוליב די גרויסע קאסטן, וואס עס וואלט באטראפן דאס ארויסגעבן פון א פולשטענדיקער ארבעט איבער דעם ענין, זיינען מיר געצוואונגען דערווייל זיך באגנוגענען נאר מיט די אנגעגעבענע פראגמענטען.

מיר זיינען דא ניט אויסן געווען ברייגנען די גאולה פאר די פארלעגער, נאר מיר האבן דער עיקר געהאט אין זינען דאס אידישע בוך. און מיר דיינקען, אז עס איז אונז געלונגען פארצובריינגען א ריי פאקטן, וואס וועלן ביז א געוויסן גראד קלאר מאכן די לאגע און די צוקונפט פון דאס אידישע בוך אין אמעריקא.

כותבי ספרים . . . הן ותגריהן ותגרי תגריהן
וכל העוסקים במלאכת שמיים לאתויי מוכרי
תכלת אינם רואים סימן ברכה לעולם.
(פסחים נ׳).

השערות און פאקטן.

אין אונזער פרעסע האט זיך שטארק גערודערט וועגן קריזיס אויפ׳ן אידישן ביכער מארק, אויב דער גאנצער טומל וואלט געווען א שפיצל פון א פרעס־אגענט פאר די אידישע ביכער־פארלעגער, קען דאס פאררעכנט ווערן אלס א זייער געלונגענער שפיצל, ווייל מיט אזוי פיל „פובליסיטי״, וואס ווערט איצט געגעבן דעם צרה׳דיקן צושטאנד פון אידישן ביכער־מארק, וואלט מען דאך געקענט „ציען אן עולם״ פאר עטלאכע „מעדיסאן סקווער גארדען״ קאנצערטן, אפילו מיט די „קרעפטע״ פון אונזער א ל ט ן טעאטער.

מען האט אפילו געמעגט דערווארטן, אז נאכדעם ווי די דאקטוירים אין אונזער פרעסע האבן זיך מיט אט דער אנגעוויטיקטער פראגע פארנומען א לענגערע צייט, זאל ענדלאך פעסטגעשטעלט ווערן א דיאגנאז, און מען זאל שוין קענען מערקן עפעס א בעסערונג אין דעם צושטאנד פון חולה — דאך איז מען נאך אלץ צו קיין באשלוס ניט געקומען. פון צייט צו צייט קומט אמת ארויס א נייער נ ב י א אדער מ ק ו נ ן, וועלכער קלאגט ווידער אויפ׳ן חורבן, טענה׳ט, שטראפט, צייגט אן אויף א הונדערט־פראצענטיקע אורזאך פון קריזיס, לייגט פאר זיין פלאן, „ווען איך בין ראטשילד״, אבער אלץ בלייבט ווידער ביי׳ם אלטן.

א שטייגער, ווען עס פאסירט א קריזיס אויפ׳ן בלומען־מארק, דער עולם הערט אויף קויפן א באשטימטן סארט, אדער — בלוּ־מען אין אלגעמיין, וואלט דען עמיצן איינגעפאלן, אז אגראנאמען (און נאך קאבינעטנע דערצו) זיינען מחויב צו וויסן די אורזאך פונ׳ם קריזיס?! כאטש מיר ווייסן, אז זיי איז באקאנט אלע איינשאפטן פון אלע אדער פון אט דעם ספעציעלן סארט בלומען, זיי מעגן אפילו סטאטיסטיש זיין גענוי באקאנט מיט דער צאל, וואס איז פראדוצירט אדער פארקויפט געווארן אין א געוויסער

פעריאָדע; אָדער, וואָלט וועלכער ניט איז אָגראָנאָם געדענקט, אַז אויף אים ליגט אַ חוב אַרויסצוקומען מיט אַ דערקלערונג וועגן דעם ענין?! חס וחלילה! זיין אַרבעט איז נאָר פּאַרפּערטיקן, אַכטונג געבן אויף דער פּלאַנץ ביז'ן מאַרק, מיט איין וואָרט, שאַ פּ ן א י ר, אָבער מיט דער קאָמערציעלער זייט האָט ער גאָרניט צו טאָן, (סיידן ער איז צופעליק אויך דער אייגנטימער פון אַ בלומען־געשעפט), דאָס איבעריקע באַלאַנגט שוין צו דעם בלומען־פאַרקויפער. אויב אַ פאַך־זשורנאַל וואָלט זיך פאַראינטערע־סירט אין דעם פאַל, וואָלט ער זיך געדאַרפט ווענדן ניט צום אַגראָנאָם, נאָר צום בלומען־פאַרקויפער, וואָס מיט זיך צופרידנ־שטעלן דעם פאַרלאַנג און געשמאַק פון קויפער, מיט וועמען ער טרעפט זיך אַלעמאַל פנים אל פנים. ער, דער בלומען־פאַרקויפער, איז דער איינציקער, וואָס קען גענוי וויסן די אורזאַכן, פאַרוואָס זיין קונד פאַרלאַנגט ניט מער, אָדער אַנטזאָגט זיך צו קויפן, דעם אָדער יענעם געוויסן סאָרט בלומען.

אויף אונזע־ קליינער אידישער געסל מיט די גרויסע עקסטרעמען, איז ניטאָ קיין פראַגע פון פאַך, מען ווייס אַלץ, אָדער מען ווייס גאָרניט. קוים האָט אַ איד אַ דיפּלאָם און נאָך פון אַן אייראָפּייאישן אוניווערזיטעט דערצו, איז ער שוין אַ ידען אין אַלץ. האָט עמיצער אַ „דזשאָב" אין אַ צייטונג, שרייבט ער וועגן אַלץ, מעג ער אַפילו לחלוטין ניט האָבן די מינדסטע ידיעה וועגן דעם ענין — ווייל וואָס אייגנטלאַך פאַר אַ ווערט האָבן משטיינס־געזאָגט אַזעלכע לעזער, וואָס דאַרפן זיך האָדעווען אויף דער אידישער פּרעסע?! זיי דאַרפן זיין צופרידן מיט אַלץ, וואָס מען קאָרמעט זיי. אמת, דער אידישער לעזער פון זיין זייט וואָלט אפשר מוחל געווען, ווען מען טראַקטירט אים מיט ווינציקער געריכטן, אָבער זאָלן די געריכטן זיין צוזאַמענגעשטעלט אַזוי ווי עס באַדאַרף צו זיין, ס'זאָל האָבן אַ אידישן טעם, ווייל אַ שרייבער איז דאָך נאָך אַלעמען ניט מער ווי אַ מענטש, און אַ מענטש איז דאָך ניט מחויב צו קענען דאָס, וואָס ער קען ניט קענען. מען מוז ביי אונזער בעסערן לעזער ניט זיין קיין „דזשעק און אַל טריידס",— איז אָבער די צרה דאָס, וואָס עס איז צו ענג אויף דער אידישער גאַס, ניטאָ וואו צו פאַנאַנדערנעמען די הענט, — אַלע אידן, צו־פיל אידן צווישן אידן, ניטאָ אַ גוי אויף אַ רפואה, סיידן גיי אַליין אוועק צו די גוים. במילא בלייבט ניט מער ווי בלאָזן זיך, דרייען

מיט'ן נאָז, ווי אַ ציג בשעת זי דערשמעקט וואַפּנע. ס'איז טאַקע אמת ניט אזא פיינע מלאכה, אבער ווּעמען אַרט עס? דער עולם האָט שטאַרק דרך־ארץ דערפאַר. אין לעצטן פאַל נעמט מען זיך געבן עצות, וועלכע, אויב איר פאָלגט ניט, וועט זיין אָז אַך און וויי צו אייך. און עצות גיט מען לרוב. דערפאַר האָט אויך ניט געפעלט קיין עצות אין באַצוג צו אונזער ביכער־מאַרק. יעדער האָט זיך אָפּגעזאָגט זיינס און פּאַרטיק. אי? סטייטש? היתכן? ווי קען דאָס גאָר געמאָלט זיין? ווי אזוי האָט דער מענטש געקענט שטאַרבן צוליב דוחק אין „פּרענטש־פּייסטרי", אַז מיר האָבן ברוך השם גענוג פון דעם מין? און נאָך איבערגענוג. והא הראיה!... נאָר פּסק, בלייבט פּסק.

מען האָט זיך ניט גענומען די מי (מיט זייער אַ קליינער אויס־נאָם) אויסצוגעפינען, אויסצופאָרשן, צי עס איז געווען, אדער צי עס איז דאָ אַ ביכער־מאַרק, וואו עס הערשט באמת אַ שטיקל קריזיס, צי האָט מען זיך פריער געשלאָגן מיט העק פאַר'ן „נעקסט" אין די אידישע ביכער־געשעפטן, אָדער מען האָט זיך געדראַפּט שלאָגן מיט העק פאַר אַ קויפער, האָט מען היינט אויפגעהערט נאָר קויפן ביכער, אָדער אפילו, — ליי ענען אויך. די באַציאונג פון אידישען לעזער צום בוך, די ראָלע פון פאַרלעגער. די ראָלע פון דעם ליטעראַטור־פאַרשפּרייטער (אַגענט), די ראָלע פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס גיבן אַרויס ביכער לשמה, די ראָלע פון דער באַשרענקטער איינוואַנדערונג, און וואו האַלט עס מיט די אָרגאַניזאַציע־ און שטאָט־ביבליאָטעקן, קאָאָפּעראַטיווע פאַר־לאַגן, אַלטע און נייע פאַרלאַגן, די באַציאונג פון שרייבער צום לעזער און פאַרקערט, און נאָך אַ סך אַזעלכע קליינע און גרויסע פראַגן, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט דעם ענין.

מיט דער ערשטער גלאָז טיי איז דער „שבת־גוי" זיך אַליין מכבד, און מיט דעם „ערשטן שאָס" האָט זיך אַליין מכבד געווען דר. א. קאַראַליניק, ניט חס ושלום דערפאַר, וואָס דער ענין אינטע־רעסירט אים אזוי שטאַרק, און ער איז געקומען „ראַטעווען די קאַנטרי". מען טאָר אים גאָרניט חושד זיין אין אזא זאַך, ווייל, וואָלט ער נאָר באמת כאָטש איין הונדערטל פּראָצענט געווען פאַר־אינטערעסירט אינ'ם צושטאַנד פון אידישן ביכער־מאַרק, האָט ער דאָך געקענט נאָכפרעגן ביי זיינע פריינט, די פאַרלעגער, אויף וועמען ער וואַרפט די שולד פאַר עבירות, וואָס זיי זיינען קיינמאָל

ניט באגאנגען. ער קלאגט זיי אז פאר'ן ניט ארויסגעבן קיין וויסנ־שאפטלאכע ביכער, וואס װאלטן, לויט זיין מיינונג, צעבאפט גע־ווארן, ווי מצה־וואסער. אין זיין ארטיקל „דער טויט פון דעם אידישן בוך" („טאג", דעם 18טן דעצ., 1921) שרייבט ער: „א טייך (אפשר וואלט שוין א מבול בעסער געווען) פון קלאג האט זיך אויסגעגאסן איבער מיר.. ניטא וואס צו טאן. אלע פאר־זוכן האבן ניט גענוצט, אלע פלענער זיינען ניט געראטן." זיי וואלטן דאך אים דערציילט באריכות (די קונדן וואלטן זיי דאך איז דעם ניט געשטערט) וועגן אלץ, וואס זיי האבן געטאן און עס האט זיך ניט איינגעגעבן. במילא וואלט ער פארשפארט אנצושרייבן זיין אויבנדערמאנטן ארטיקל, וועגן וועלכן דר. ק. פארענבערג האט מיט רעכט געזאגט אין זיין ארטיקל מיט עטלאכע טעג שפעטער, „די פרעסע, דער קריטיקער און דאס אידישע בוך" („טאג", 21־טן דעצ., 1921): „זיין ארטיקל (דר. קאראלניק'ס. מ. ש. ש.) האט גע־קענט אנגעשריבן ווערן פונקט אזוי גוט פון א כינעזישן אדער, אין בעסטן פאל, יענקישן פייאיקן פובליציסט, אזא גרויסע אומבאקאנט־שאפט מיט פאקטן שטארצט ארויס פון יעדער שורה". און עס ווילט זיך ווארענען דר. קאראלניק'ן „נזירא! סחור סחור לכרמא לא תקריב", ניט דיין זאך!

אין זיין צווייטן ארטיקל וועגן דעם עניו, „באבסקע רפואות" („טאג", 26־טן דעצ., 1921), ברענגט דר. פארענבערג פאקטן וועגן אלץ, וואס די פארלעגער האבן אויפגעטאן, ער נעמט אינגאנצן אראפ די שולד פון די פארלעגער און צייגט, אז דער קויפער איז אויך ניט אזא שיינער מענטש. אמת, מען מוז צוגעבן, אז אונזערע פארלעגער האבן אונטער די אומשטענדן א סך אויפגעטאן, אבער אין באצוג צום לעזער זיינען אפשר די פארלעגער די שולדיקע, וועגן דעם וועט אונז שפעטער אויסקומען ריידן באריכות.

אין זיין דריטן און לעצטן ארטיקל וועגן דעמזעלבן עניו, „א קולטור־פליכט" („טאג", 30־טן דעצ., 1921), צייגט דר. פא־רענבערג אן די דריי הויפט־אורזאכן פון דער צרה: ערשטנס, „בוכ־הענדלער זיינען געצוואונגען פארקויפן סאדע־וואסער און פאר־שטופן די ליטעראטור אן־אזייט; צווייטנס, „די אגענטן האבן זיך אנגעהויבן צו דרייען אין א צו־ענגן קרייז", און צום סוף „אין דער פראפעסיע האט זיך אריינגעכאפט ניט

קיין געווינשטער עלעמענט.״ אַבער דר. פּאַרענבערג פאַרצווייפלט ניט, ער האַלט אַז „דאָס אַגענטן־סיסטעם איז ניט אויסגעשפּילט, עס מוז אַבער באַנייט און קאָנטראָלירט ווערן.״ ער לייגט פאַר „אָרגאַניזירן די פריינט פון אידישן בוך און קולטור״. ער גיט אגב אורחא אַ קניפּ אין בעקל די פאַרלעגער פאַר דעם, וואָס די שטאָט־ביבליאָטעקן האָבן אַריינגענומען אידישע ביכער. דאָס איז שוין גאָרניט די פאַרלעגערס אויפטו, ווייל פון 90 ביז 95 פּראָצענט פון די שטאָט־ביבליאָטעקן האָבן אַריינגענומען אידישע ביכער, נאָר אַ דאַנק די אומערמידלאַך שווערע אַרבעט פון די אַגענטן. צום סוף פאָדערט ער אויף די אידישע געזעלשאַפט צו אירע פליכטן: „די אידישע געזעלשאַפט דאַרף זיך נעמען פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון אידישן בוך, און מוז עס טאָן, דאָס איז איר פליכט, אַ קולטור־פליכט.״

מילא דאָס וואָס איינער פאַרקויפט סאָדע־וואַסער און ניט קיין ביכער, איז דאָס פון די קנאַפּע חטאים. וואָס זאָל אַ איד נעבאַך פאַרט טאָן, אַז ער דאַרף מאַכן אַ לעבן און ער האָט טונדז פאַר סאָדע־וואַסער, אַבער ניט פאַר קיין ביכער? מיט וואָס איז ריינע סאָדע־וואַסער ערגער פון שיר־המעלות'ן און מזוזות?! „עמך ישראל צריכים פּרנסה״, זאָל זיין אפילו פון סאָדע־וואַסער, אַבי צום לעבן. די צווייטע טענה, — איז ביז אַ געוויסן גראַד גערעכט, ווייל גאָר אַלעמען איז דאָך הונדערט פּראָצענט גערעכט גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. דר. פּאַרענבערג גיט אַבער ניט אַז די אורזאַכן דערצו. עס איז פשוט געווען גרינגער פאַר די נייע אַגענטן צוצוטרעטן צו אַ אידן, וואָס איז שוין באַזוכט געוואָרן פון עמיצן, אָדער וואָס האָט זיך שוין איינגעשאַפט אַ ביסל ביכער. און דאָס וואָס אַלע אַגענטעז זיינען ניט פונ'ם בחיר, פונ'ם אמת'ן זהב טהור, האָבן אין דעם אויך אַ חלק די פאַרלעגער. אונז וועט נאָך אַלענפאַלס אויסקומען צו ריידן וועגן דער פראַגע, אויך וועגן דער געזעלשאַפטס קולטור־פליכט, אויף וועלכע דר. ק. פּאַרענבערג לייגט שטאַרקע האָפענונג.

דער איינציקער, וואָס איז זיך באמת ערנסט מתעסק מיט'ן עניין, און האָט זיך דערפאַר געווענדט צו פאַר־מענטשן, איז אַ מיט־דעם, וואָס, ערשטנס, שרייבט מען ביי אונז כמעט וועגן יעד'ן ווילנער („אונזער ביכער־מאַרק״, „דאָס נייע לעבן״, אָקט., 1922). מען זעט אַז ה' אַ ווילנער האָט אַ באַציאונג צום אידישן בוך.

ער איז בלוטיק פאראינטערעסירט אין דער פראגע, ער פרובירט אנווארפן פארשידענע פראגן, ער ווייס אבער ניט וואס צו ענט־פערן, ער ווענדט זיך נאך אן ענטפער כמעט אויפ'ן ריכטיקן אדרעס. „אונזערע פארלעגער אליין װאלטן געדארפט נעמען דאס ווארט אין דער פראגע . . . מיר דארפן אלע טראכטן וועגן איר, אבער אינגאנצן קלאר מאכן זי קאנען נאר די, וואס שטייען נאענט צו איר פראקטישער זייט, די, וואס האבן טאג־טעגלאך מיט איר צו טאן."

דער ערשטער פאכמאן, וואס האט זיך אפגערופן אויף ה' א ווילנער'ס אויפפאדערונג, איז ה' מ. י. שעליובסקי (אין „דאס נייע לעבן", נאוו., 1922), אליין א פארלעגער און ביכער־אגענט. ער האט „פרעטענזיעס צו דער וועלט" און רעדט זייער גאליק וועגן די „פארזארגער", מענטשן וואס האבן א רעכט ביסל געהאלפן אין פארשפרייטן דאס אידישע בוך. ער זאגט, אז די אויפלעבונג אויפ'ן אידישן ביכער־מארק איז באשאפן געווארן, ביי א שטארקער אנ־שטרענגונג פון די פארלעגער און אגענטן, דורך דער הילף פון פארטיי און אידישיזם־גייסט אין דער פארם פון א מין צדקה־פושקע, „וואוהין יעדער איינער ווארפט אריין א פאר דאלער, און חוץ כבוד קריגט ער נאך א „פרעמיע" א פאר „בוקס" אויך," — דאס איז שוין א קאפיטשקע איבערגעזאלצן. עס זיינען געווען און ס'זיינען אויך איצט דא א רעכט ביסל לעזער און קויפער, וואס האבן ניט ארויסגענומען קיין פאטענט פון פארטיי אדער — אידי־שיזם. ער צייגט דאך שפעטער אליין אן אויף זייער אדרעס, דער אינטעליגענט, דער פראסטער, פשוט'ער מענטש, די פשוט'ע פאלקס־פרוי, דער היימישער עם־הארץ און זאמד־פידער, וועלכער האט זיך אין אמעריקע אביסל אויסגעמענטשלט. אויף דעם מאכט אים אויך אויפמערקזאם ה' א ווילנער (אין דעמזעלבן נומער ד. נ. ל.) און צייגט אים אגב אן, אז דער אידישיזם איז ניט קיין גוואלדיקער שטער.

דאס וואס ה' שעליובסקי האט „דאס פעלד ניט באארבעט", איז זיין אייגענע שולד. ער וואלט דאן אויסגעפונען, אז ער איז ניט דער ערשטער זיי „אפצושטאטן א באזוך". דערנאך גייט ער איבער צו דער אורזאך פון קריזיס און זאגט: „די וויכטיקסטע אורזאך פון דעם איצטיקן קריזיס איז דאס, וואס די מאדערנע

קינדער פון אַלטן עם הספר דאַרפן ניט און ווילן ניט האָבן קיין בוך. פון אַלטן ספר האָבן זיי זיך באַפרייט מיט'ן זעלבן פסוק, וואָס זיי זיינען פטור געוואָרן פון גאָט, און וועגן נייעם בוך האָט מען זיי איינגעוואַוינט נאָר צו „זאָרגן“, איז כל זמן די צייט איז געווען גוט און די „זאָרגערס“ האָבן זיך געוואָרפן מיט געלט אויף רעכטס און לינקס, האָבן זיי דעם אידישן בוך־פאַרלעגער אויך צוגעוואָרפן אַביינדל, „אַז מען האָט אָבער אָנגעהויבן ריידן, אַז די צייט ווערט ערגער און דעם דאָלער האָט מען שוין אָנגעהויבן ציילן, ניט שלעפן הויפנווייז פון קעשענע, איז דאָס בוך געפאַלן דער ערשטער קרבן. אַט דאָס, און ניט קיין אַנדער זאַך, איז די וויכטיקסטע אורזאַך פון איצטיקן קריזיס אויפ'ן אידישן ביכער־מאַרק.“ עס וואונדערט אונז, וואָס ה' שעליובסקי וויל פעסטשטעלן א י י ן אורזאַך, אין דער צייט וואָס מען קאָן אָנרעכענען אַ צעטל פון עטלאַכע צענדליק אורזאַכן. ביי אַזאַ דעליקאַטן עניין קען דאָך „אַפילו אַ קאַץ קאַליע מאַכן“. ער רעדט ווייטער וועגן דעם, וואָס דער פאַרלעגער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן, און דער עיקר פעלער איז, וואָס דער ביכער־פאַרקויף האָט זיך געשטיצט אויף די „פאַר־זאָרגער“. דערנאָך טשעפּעט ער זיך צום קויפער, פאַרוואָס ער איז ניט קיין „רב צעמפעלע“, פאַרוואָס ער האָט זיך פריער ניט אויס־געלערנט אַלע שבעים לשונות און איז ניט געוואָרן אַ בקי אין די שבע חכמות, איידער ער איז געקומען צום אידישן בוך (דאָס איז דאָך זיכער אַ גערעכטע טענה), און נאָכ'ן שטעלן אַ דיאַגנאָז, זעט ער ענדלאַך איין, אַז „דער אידישער ביכער־מאַרק נויטיקט זיך אין נייע כחות, וואָס זאָלן עפענען פאַר אים נייע וועגן.“ דערפאַר שטעלט ער דעם חולה אויף אַ „דייעטע“, ער זאָל „אָוועקוואַרפן“ די „אַדווערטייזטע“ שרייבער (שלום־עליכם, פרץ, מענדעלע, רייזען), נאָר איבערזעצן אַזעלכע פאַרפאַסער, וועמעס נעמען עס קלינגען ניט איבער דער גאַנצער וועלט, און דאָס האַבנדיק דורכגעפירט, וועט דער לעזער געצוואונגען ווערן, „אַז ער זאָל זיך אינטערעסירן מיט'ן בוך גופא און ניט נאָר זאַט ווערן מיט'ן גרויסן נאָמען.“ די פלענער זיינען אַפילו ניט פון דעם מין, אויף וועלכע מען קען לייגן שטאַרקע האָפענונגען, נאָר אַזוי ווי זיי זיינען פאַרגעלייגט פון אַ פאַכמאַן, פאַרדריסט אונז שטאַרק דאָס, וואָס ה' שעליובסקי האָט שוין ניט אָנגעשריבן זיין רעצעפּט, „ווי אַזוי זאָל מען צו־קומען צו די מענטשן, וואָס קאָנען זיין אונזערע אמת'ע לעזער,

אויך ווי אזוי מען קען שאפן דעם אפאראט, וואס זאל קאנען פאר־
שפרייטן אט די ביכער.״

קורץ איז דאס לעבן פון אונזערע בעסערע זשורנאלן, דערפאר קען מען צופיל צייט — צופיל פלאץ ניט אוועקגעבן פאר איין ענין, ווארום וויכטיקע ענינים זיינען פאראן א סך, און דערפאר טאקע האלט ה׳ א ווילנער שוין (אין יאנואר 1922 נומער ד. נ. ל., אין זיין ארטיקל „דאס אידישע בוך אין אמעריקע״) ביי „כל הנערים״. ער גיט עטלאכע בריוו פון מענטשן, וואס שטייען נאענט צום אידישן בוכהאנדל. ה׳ מ. ב. שרייבט צו, און מיט רעכט, דאס גאנצע אויפלעבונג פון ביכער־מארק צום רייזנדן פארטרעטער. ער מאכט אבער א טעות ביים צושרייבן דעם קריזיס איינגאנצן צו דעם, וואס „מיר האבן נאך אין אמעריקע ניט קיין קינד פאר׳ן אידישן בוך״, ווייל וואס אנבאלאנגט „דאס אידישע בוך״ מוז מען אנפאנגען מיט די ע ל ט ע ר ן. אויב מיר לערנען קינדער אידיש, כדי זיי זאלן, קענענדיק די שפראך פון זייערע עלטערן, האבן מער רעספעקט פאר זיי, פארשטיין זיי און זייערע מיט־מענטשן (אזוי האבן גע׳טענה׳ט די גרינדער פון די שולן), מוזן דאך די עלטערן פריער רעספעקטירן דעם א י ד י ש, וואס מען לערנט זייערע קינדער.

ה׳ מאקס יאנקאוויטש טענה׳ט, אז מען האט קיינמאל ניט פארקויפט קיין אידישע ביכער, חוץ עטלאכע יאר. „און דאס האט מען צו פארדאנקען איין אידן, וועמען עס איז איינגעפאלן דער געדאנק פון שיקן אגענטן. מען האט דאך געקענט פארקויפן אפילו יעדן אומוויכטיקן בוך.״

וואו איז אהינגעקומען דער איד מיט די אגענטן? האבן זיי אויפגעגעבן דאס געשעפט און שניידן היינט קופאנעס? אדער זיי האבן געמאכט אזעלכע גאלדענע געשעפטן, אז זיי ווילן שוין ניט מער?! ער זאגט דאך אליין, אז אידן לעכצן נעבאך זייער שטארק צו קויפן ביכער. זיינע אנדערע טענות קענען פארענטפערט ווערן

ניי־דערשינענעם בוך, און צווייטנס, איז די פרעסע ניט מחויב צו „בומען“ דעם, וואָס באַצאָלט ניט פאַר „ספּיים“.

ה׳ י. מענדעלסאָן געפינט, אַז אַלע אַדרעסן צו לעזער, אויף וועמען ה׳ מ. י. שעליובסקי האָט אונז אָנגעצייגט, זיינען פאַלשע, און אונז בלייבט, לויט זיין מיינונג, איבער נאָר דער איינציקער לעזער, דער „פאַרזאָרגער“.

אָבער מיר האַלטן, אַז די לאַגע איז נאָך ניט אַזוי טרויעריק, כי לא אלמן ישראל, און האָפן, אַז אונזער ישועה וועט נאָך קומען פריער, איידער דער קולטור־קאָנגרעס (אויף וועמעס מאַכט ה׳ מענדעלסאָן לייגט זיין איינציקע האָפענונג) וועט צוזאַמענגע־רופן ווערן.

צום לעצטן קריגט דאָס וואָרט דער „פאַרזאָרגער“ אַליין, און ה׳ מ. ביהן וואַרפט פאַר די פאַרלעגער און די אַגענטן, אַז אַ גרויסער טייל פון קריזיס איז זייער אייגענע שולד. וואָלט ער אפשר געווען גערעכט, ווייל פרעגט דעם חולה, ניט דעם דאָקטאָר. אמת, זיי האָבן זיך טאַקע ניט איבעריק פיין באַגאַנגען מיט׳ן קויפער, און דערפאַר עצה׳ט ער זיי שאַרפן די כלים צו דער גרויסער „ביזי“, וואָס וועט אינגיכן אַרומכאַפּן דעם אידישן ביכער־מאַרק. אָבער מיר האָבן שוין געוואָרט איבער אַ יאָר צייט, און זיין נבואה איז נאָך אַלץ ניט מקוים געוואָרן. און ה׳ א ווילנער ענדיקט מיט אַ צו־זאָג, אַז „אין קומענדיקן נומער וועלן מיר מאַכן אַ סך־הכל פון דער דעבאַטע וועגן דעם אידישן ביכער מאַרק אין אמעריקא“. זיינען אָבער די הענט צו קורץ אַרומצונעמען אַלץ, ווערט דער ענין אי־בערגעלאָזן אַזוי ווי געווען, אפילו אָן אַ כּל־הכל.

אַזוי גייט אַריבער דער ווינטער, די רעכטע צייט פון פאַר־קויפן ביכער, שטיל, רואיק. וועגן זומער איז דאָך שוין אָפּגערעדט, ביז ענדלאַך דערשיינט דער „טעאַליט“ (נאָוועמבער 1923) און ה׳ ה. לייוויק („פּרעסע און בוך“) נעמט זיך לייזן די פּראָבלעם. ער האַלט, אַז דער אידישער בוך לעבט ניט דורך קיין קריזיס, נאָר אַ ירידה. און סבות זיינען דאָ אַ סך. די הויפּט אורזאַך איז דאָס, וואָס די פּרעסע האַלט זיך פרעמד צום אידישן בוך. ער זאָגט אונז צו נאָך

ריידן וועגן דעם עניו, אבער ער קריגט באלד חרטה און איז „צוריק צום אנהויב" („טעאליט" יאנואר 1924) זאגט ער: „דער גאנצער וכוח איז אן אומפרוכטבארער". א פאעט דארף זיך גארניט „באַ־דערן" מיט דער פראגע פון לעזער. עס פארדריסט אים שוין דער גאנצער עסק, און עס בלייבט ווידער ביים אלטן.

דער ערשטער פארצולייגן א פלאן פאר א רפואה, איז ה' אלגין, אין אן ארטיקל „מען קויפט ניט קיין אידישע ביכער". („פרייהייט" דעם 18טן נאוו., 1923). ער פאנגט אן מיט דער טראַ־געדיע אז ער האט אין גאנץ קליוולאנד ניט געקאנט באקומען דעם ערשטן באנד מאָרים ראזענפעלד, וועז ער האט עס געדארפט באַ־נוצן צו זיינער א לעקציע. (אפשר איז דאס א רעזולטאט פון ה' מ. ל. האלפערינ'ס לעקציעס איז יענער געגנט, אז מען זאל פארברענען אלע אלטע שריפטן?). איך, זייענדיק ווינציקער באקאנט אין קליוולאנד ווי ה' אלגין און זיינע חברים, וואלט דאך גענומען אויף זיך אנצוצייגן דארט עטלאכע אידן ביי וועמען מען קען יא גע־פינען די ערשטע עטלאכע בענד פון מ. ראזענפעלד. ה' אלגין גיט אן א רעכט ביסל סבות. וואס אז מען וויל זיינען זיי יא און — ניט קיין סבות. און חוץ דעם זיינען זיי דאך געווען אויך פאר'ן קריזיס. אט למשל סבה נומער 6. שוין פון די שטארקערע: „מיר האבן ניט קיין בילינע ביכער: אפילו פאר די עלטערע שרייבער מוז מען ביי אונז באצאל'ן צו 10 אדער 20 דאלער פאר א סעט, בשעת איז ענגליש קריגט איר. למשל, א גאנצן קלאסיקער פאר 2-3 דאלער". וואלט עס אפשר געווען א סבה, אבער ווייס דען ה' אלגין אליין ניט, אז אין אמעריקא געפינט זיך א קאפיטשקע מער ענגליש־לעזער ווי אידישע לעזער? און געוויס ווייס ער דאך אויך, אז עס לוינט זיך בעסער צו דרוקן הונדערט טויזנט „סעטס" אויף צום פ א ר־ ק ו י פ ן פאר א בילינן פרייז, איידער דרוקן פינף הונדערט „סעטס", און זיין געצוואונגען האלטן זיך מיט דעם איבער צוויי יאר? (ווי דער פאל איז מיט דער שלום אש קאמיטע, וואס האט ארויסגעגעבן 12 בענד אש).

ה' אלגין גיט אן די סבה פון אלע סבות, דאס, וואס „דער אידישער אינטעליגענט וויל ניט לייענען, דער ארבעטער קען ניט לייענען". איז וואלט עס אפשר געווען א פלאן אינגאנצן צומאכן דאס קרעמל? ניין! חס וחלילה, פארקערט. הער אלגין האט גוואלדיק גרויסע פלענער פאר דער צוקונפט. נאר דערווייל עצה'ט

ער די שרייבער זיך אליין איינשפּאנען אין וואָגן, אָרגאַניזירן אַ וואַנדערנדיק בוך פאַרקויפ אַט אויף דעם אופן:

> **אַ לעקציע און אַן אויספאַרקויף**
> **פון ביכער!!**
> **איינטריט פריי!!**
>
> אין דעם און דעם זאַל וועלן צוויי שרייבער, „א" און „ב", פאַרקויפן זייערע ביכער.
> פריער וועלן זיי געבן אַ לעקציע וועגן די ביכער און נאָכדעם וועט זיין אַן אָקשאָן.
> די ביכער וועלן פאַרקויפט ווערן מיט א ראַבאַט פון 40 פּראָצענט און מער.
> מ'וועט קיינעם ניט צווינגען קויפן.
> קומט, ווער עס וויל!
> ס'וועט זיין אינטערעסאַנט!
> איר ווערט גאָר ניט אָן, און איר קענט אָבער עפּעס געווינען.

„ווייל ניט די פאַרלעגער און ניט די בוכהענדלער האָבן אויסגענוצט דאָס מעכטיקע מיטל פון אַנאָנסן (אין דעם קען מען אפשר צווייפלען, נור וועגן דעם שפּעטער). די פּאָר קאַלטע שורות אַדווערטייזמענט אין די אידישע בלעטער, קענען ניט דערוואַרימען קיינעם".

און דאָס אויבן פאָרגעלייגטע וועט יאָ דערוואַרימען. ב ר ע נ ע ן, פּ אַ ק ן? מיר זיינען שטאַרק מסופק. ניין, ה' אָלגין, לא זו הדרך! אגב איז שוין כמעט אזא פּראָבע געמאַכט געוואָרן, אָבער אָן ערפאָלג.

אין „פאַר דער רעטונג פון אידישן בוך" („פרייע ארבייטער שטימע", 30טן נאָוועמבער, 1923) ציינט ה' א. אלמי דעם ה' אָלגין, אז זיין רעצעפּט וועט צו קיין רפואה ניט ברייננען, נאָר וועט האָבן א פונקט פאַרקערטע ווירקונג. ער לייגט אבער דאָס גאַנצע געוויכט אויף „דער זעלבסט דערנידעריגענדע באַציאונג, וועלכע דאַרף אַרויסגעשלאָגן ווערן פון דער אידישער פּסיכיק".

איז ה' אלמי גאַנץ נאָענט געקומען צום ריכטיקן פונקט. די פּראָבלעם ווערט אבער ביי אים ניט געלייזט, ווייל די וואָס דאַרפן לויט זיין מיינונג זיין די דאָקטוירים, זיינען אפשר גאָר די שטאַרקסטע חולאים.

„דער אידישער בוך אין אמעריקא" פון ש. סעקולער (פ. א. ש. 21טן נאוו.. 1923) איז אינגאנצן כמעט נאר אן איינדארסירונג פון ה' לייוויק'ס ארטיקל אין ערשטן נומער „טעאליט". ער האלט, אז „די אידישע פרעסע איז ניט מער ווי א פובליסיטי אגענט פאר געוויסע אונטערנעמונגען, עס מאכט ניט אוים אין וואסער ריכטונג דאס איז".

אנגענומען אז דאס איז טאקע אזוי, ערקלערט דאך דאס אליין שוין די אורזאך פון פארשוויגן דאס אידישע בוך, און אויב דאס איז די איינציקע אורזאך, באצאלט ווי אלע געשעפטס־מענטשן פאר „ספייס" און זאל זיין שלום על ישראל! מיר זיינען נאך אבער אין צווייפל צי די מיטלען וואלטן געבראכט די נויטיקע רעזולטאטן, און האלטן אויך ניט פון דעם שטארקן פעסעמיזם פון ה' סעקולער און זיין טויט אורטייל „אזוי לאנג ווי די אידישע געזעלשאפטלאכקייט אין אמעריקע איז ניט קריסטאליזירט און איז פארטיילט אין פארשידענע קלייזלאך, און יעדער קלייזל מאכט זיך שבת פאר זיך... איז אוממעגלאך אפילו צוריידן פון וואסער עס איז קאארדינירטער קולטורעלער ארבעט אין אמעריקע, און פון אויפלעבן דאס אידישע ווארט געוויס ניט".

ניט געזארגט, רוח והצלה יעמוד לה'אידישן בוך אויך. מיר וועלן נאך שפעטער שמועסן וועגן דעם.

* * *

כדי צו פארמיידן נייע השערות און בויד־סברות, און אגב טאקע כדי קלאר מאכן דעם ענין, וועלן מיר דא פרואוון געבן אין קורצן, (אויף ווי ווייט עס וועט אונז מעגלאך זיין), די געשיכטע פון דער אידישער ביכער פארשפרייטונג אין אמעריקא, פון דער צייט וואס מיר זיינען צוגעטראטן צו דער ארבייט ביז היינט צוטאג.

אונזערע פארלאגן אין 1913.

דאס אידישע בוך פארלעגריי אין אמעריקא איז גאנץ יונג, און מען קען נאך היינט געפינען (אויב מען וועט שטארק זוכן) צווישן אונז עמיצן, וואס זאל געדיינקען זיין געבורט, מיר האבן אבער אין ערגעץ ניט געפונען עפעס אזעלכעס, וואס זאל אומגע־

פער זיין כאָטש אַ אַנוואורף פאַר דער געשיכטע פון דער אידישער בוך פאַרלעגריי דאָ אין לאַנד. אַלץ וואָס מיר וויסן (דאָס איז תורה־שבעל־פה) איז, אַז עס איז געווען אַ צייט דאָ, ווען אַ בוך איז געווען אַ יקר המציאות, דאָס אידישע בוך פאַרלעגריי האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט „העפטן" (טיילן פון ראָמאַנען).

ווען מיר זיינען צוגעקומען צום בוך פאַרקויף אין יאָר 1913, האָבען מיר שוין געפונען די „היברו פּאָבלישינג קאָמפּאַניע" מיט אַ רעכט ביסל אָריגינעלע אידישע ביכער און נאָך מער איבערזעצונ־גען. זיי האָבן געהאַט אַ ריי „סעטס" פון צוויי ביז אַכט בענדער פון איין שרייבער. אָבער זייער הויפּט געשעפט איז געווען רומ"ל, און זייער פּרואוו צו פאַרקויפן ליטעראַטור האָט זיך זיי ניט איינ־געגעבן, ווייל די מערסטע פון זייערע פאַרטרעטער זיינען געווען די אַלטע טלית און תפילין מוכרי־ספרים'ניקעס, סאַי די לאָקאַלע און סאַי די וואָס פלעגן אַרומפאָרן מיט'ן פּאַק (טשעמאַדאַן) פון שטעטל צו שטעטל מיט סדורים און ציצית און פלעגן אַגב אורחא אויך פאַרקויפן „זשאַרגאָנישע מעשה־ביכלאַך". אַגב זיינען די קונדען פון אַזעלכע פאַרקויפער (מיט זייער אַ קליינעם אויסנאַם) ניט פון דעם מין, וואָס ווען זיך לאָזן קאָסטן עטלאַכע דאָלער פאַר אַ „גאַנג" אידישע ביכער. עטלאַכע סענט, פאַר אַ מעשה־ביכל דאָס יאָ. (אין פאַל פון די וואַנדערנדע מוכרי ספרים ווערן די עטלאַכע סענט פאַררעכנט אַלס נדבה און צום ביכל שיינקט מען גאָרניט קיין אויפמערקזאַמקייט, מען נעמט וועלכן דער אורח גיט, ווייל מען לייענט עס סאַי ווי ניט). חוץ דעם זיינען די אינטעליגענטערע לעזער ניט געווען שוה בשוה מיט די „היברו" אויסגאַבן, ווייל די מערסטע פון זייערע אויסגאַבן זיינען געווען באַאַרבעטונגען אין קורצן איבערגעגעבן דעם ספור־המעשה און דאָס האָט דעם אינטע־ליגענטן לעזער ניט צופרידנגעשטעלט. די „היברו" האָט אויך אימפּאָרטירט אידישע ליטעראַטור פון „וואַרשא" און „ווילנע". דאָס איינענע האָבן אויך געטאָן אַלע בוך־פאַרקויפער צו יענער צייט.

פאַרלאַג „מייזל עט קאָמפּאַניע" האָט געהאַט אַ קליינע צאָל אויסגאַבן צו איינצעלנע בענדער פון אַ שרייבער און אַרום צוויי צענדליק בראָשורן. דער געשעפט האָט זיך דערהויפּט פאַרנומען מיט'ן איינצל־פאַרקויף, ווייל געשעפטן, וואָס האָבן פאַרקויפט לי־טעראַטור זיינען געווען עטלאַכע איבער'ן גאַנצן לאַנד, אַ גרויסע טייל פון דעם פדיון פון „מייזל עט קאָמפּאַניע" איז געווען פאַר

רוסישע און דייטשע ביכער, וועלכע זיי האבן אימפארטירט פון אויסלאנד.

צוליב געוויסע פאליטישע סבות האט דאן פלוצלונג אויפגעהערט צו פונקציאנירן דער דאמאלסטדיקער גרעסטער און שענסטער אידישער פארלאג „די אינטערנאציאנאלע ביבליאטעק". (אין זיין פארווארט צו באנד 5 פון זיינע „געזאמעלטע שריפטען" פאררופט זיך דר. ח. זשיטלאווסקי אויף דעם פארלעגער און זאגט: „ליידער האט זיך באלד ארויסגעוויזן, אז יענער ראדיקאלער פארלעגער גאר אנ׳אגענט פון דער רוסישער רעגירונג"). גלייכצייטיק ווערט געשאפן דער „ליטעראַרישער פארלאג" פון דר. ק. פארענבערג און מ. נ. מייזעל (פון מייזעל עט קאמפאניע), קיין נייס ווערט אמת ביי זיי ניט פיל ארויסגעגעבן. זיי האבן אבער א גרויסן קאטאלאג פון ליטעראטור וואס זיי האבן אויפגעקויפט פון אנדערע ארויסגעבער. דער „ליטעראַרישער פארלאג" פאנגט אן צו ארבעטן אויף א גרויסן מאסשטאב, נעמט איבער די אמעריקאנער פארטרעטערשאפט פון דעם „ווילנער קלעצקין פארלאג" און גיט מיט אים צוזאמען ארויס דעם אמעריקאניש אייראפעאישן בשותפ׳ישן מאנאטלאכן זשורנאל „די יודישע וועלט", „ליטעראטור און לעבן", און כדי צו זאמלען אבאנאמענטן פאר׳ן זשורנאל און פארקויפן ביכער אין אלגעמיין, שיקט דער „ליטעראַרישער פארלאג" ארויס איבער׳ן לאנד עטלאכע געקליבענע יונגע לייט, וואס האבן א באציאונג צו דער אידישער ליטעראטור, האבן זי ליב בלב ונפש, און האבן אויף זיך גענומען די פיאנערן ארבעט ארומצופארן פון שטאט צו שטאט, פארשפרייטן דאס אידישע ווארט. זייער ארבייט ציינט גוטע רעזולטאטן.

די שותפים פון „ליטעראַרישן פארלאג" שטימען ניט און ברעכן זייערע געשעפט־באציאונגען איינער מיט׳ן צווייטן. מ. נ. מייזל גייט צוריק צו זיין געשעפט, (איצט שוין מייזעל׳ס פארלאג) וועלכער פונקציאנירט די גאנצע צייט, און דר. קארל פארענבערג בלייבט דער איינציקער באלעבאס פון „ליטעראַרישן פארלאג". ער קריגט דאן צו נאך עטלאכע אגענטן, וועמען ער צעשיקט ווידער איבער׳ן לאנד, און פאנגט אן צו געבן ביכער אויף קליינע מאנאטלאכע אפצאלונגען. דער פאקט אז מען דארף מיט אמאל ניט ארויסנעמען דאס געלט ווירקט אויפ׳ן עולם, און דער אויסצאל פלאן צייגט צו זיין אן ערפאלג.

עס זיינען אמת אויך דאָ נאָך עטלאָכע פארלאַגן, וועלכע האָבן ארויסגעגעבן צו עטלאָכע ביכער אָדער בראָשורן (גורעוויטש, דרוי־קערמאן, זשיטלאָווסקי, קאָנטאָראָוויץ, „פאָרווערטס“, „מאָרגען זשורנאַל“, „ווארהייט“, רעזניק און קאָ. און מ. יאַנקאָוויץ. דער לעצטער האָט זיין גאַנצן געשעפט אויף א „פּאָסטקארט“ און פאַר־קויפט זיינע בראָשורן ביי לעקציעס און פאַרזאַמלונגען פון אידישע ראַדיקאַלן). אָבער מיט'ן „ליטעראַרישן פאַרלאַג“ פאַנגט זיך אָן דאָס וואָס מען רופט איצט דער אידישער ביכער מאַרק. דר. פאַרענבערג איז דער שולדיקער אין דער שאַפונג פון דער ב ר כ ה אָדער ק ל ל ה, דעם אידישן ביכער אגענט, וואָס איז לויט דער הסכמה פון אלע פאַכלייט דער הויפט פאַקטאָר אין דער פאַר־שפּרייטונג פון דער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקא.

דער אידישער לעזער און קויפער אין 1913.

ריידנדיק וועגן די ניו־יאָרקער אידישע פאַרלאַגן, האָבן מיר ארומגענומען כמעט דאָס גאַנצע אידישע בוך פאַרלעגעריי אין אמעריקא, ווייל אפילו אין די גרעסטע שטעט איבער'ן לאַנד, וואָס האָבן פאַרמאָגט וועכנטלאָכע און אפילו טעגלאָכע אידישע צייטונ־גען האָט מען ניט גע'חלומ'ט פון אידישער בוך פאַרלעגעריי. אַלץ וואָס מיר קענען געדענקען פון „פּראָווינץ אויסגאַבן“. אין יענער צייט זיינען א פּאָר בראָשורן ארויסגעגעבן געוואָרן פון „שוב עט קאָמפּאַניע“, אין באָסטאָן, מאַסס. ווען מיר ריידן וועגן די אידישע לעזער, האָבן מיר נאָר אין זינען (כדי צו זיין קאָרעקט) די לעזער פון די שטאַטן ניו־יאָרק (אויסער דער שטאָט ניו־יאָרק גופא), פּענ־סילוואַניא, מאַסס., קאָננ., ראָוד איילאַנד, ניו־העמפּשייר און א טייל פון אָהייא, ווייל נאָר מיט די לעזער פון אָט דער געגנט האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט זיך צו טרעפן פּנים אל פּנים אויף אונ־זערע באַזוכן אין זייערע שטעט. מיר שלאָגן זיך אָבער אָן אז אונ־זערע לעזער אין די אַנדערע שטאַטן זיינען אויך געווען פון דעמ־זעלבן מין.

מיר האָבן געהאַט א גאַנץ קליינע צאָל לעזער, זיי זיינען אָבער כמעט אלע געווען פונ'ם בחיר, דאָס אויבערשטע פון שטויסל אין די ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס, און די וואָס האָבן זיך ניט געקענט צופּאַסן צו די פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך גרופּירט אין

ליטעראריש־דראמאטישע פאראיינען, סתם קויפער, פון פוץ וועגן, זיינען דאן כמעט אויף דער וועלט ניט געווען.

דער עיקר איז דאס, וואס זיי אלע האבן געהאט אן ערנסטע באציאונג און גוואלדיקן רעספעקט ניט נאר צום שרייבער און בוך, נאר אפילו צו די פארמיטלער וואס זיינען געשטאנען צווישן שרייבער און לעזער, און האבן זיך באשעפטיקט מיט דער מ ל א כ ת ה ק ד ש, פון פארשפרייטן דאס אידישע בוך. דער לעזער האט דאן געקוקט מיט דעמזעלבן יראת הכבוד אויף דאס געדרוקטע אידישע ווארט ווי אויפ'ן אלטן רעליגיעזן ספר אין דער אלטער היים. אויף אט דער קליינער צאל לעזער זיינען געווען אנגעוויזן אונזערע אגענטן פיאנערן.

אונזערע ערשטע אגענטן.

אלע פאכמענטשן, וואס האבן געשריבן וועגן ביכער מארק, האבן צוגעגעבן, אז דער אגענט איז געווען דער הויפט פאקטאר (און אפשר דער איינציקער) ביי דער פארשפרייטונג פון דער אידישער ליטעראטור. די געשיכטע פון „אגענטן" פאנגט זיך אן אין יאר 1913, ווייל ביז דאן זיינען חוץ די צייטונגס אגענטן (וואס פלעגן ארומפארן איבער די שטעט און שטעטלאך זאמלען סובסקרייבער פאר דער צייטונג, אין וועלכער זיי זיינען געווען אנגעשטעלט און פלעגן פון צייט צו צייט געבן יעדן סובסקרייבער א בוך אלס פרעמיום) זיינען אויך געווען די דר. זשיטלאווסקי אגענטן. זיי זיינען ארויסגעפארן זאמלען סובסקרייבער פאר דר. זשיטלאווסקי'ס דאמאלסטדיקן מאנאטלאכן זשורנאל „דאס נייע לעבן". זיי זיינען געווען די באמת ערשטע ליטעראטור אגענטן. יעדער פון זיי האט באמת ליב געהאט, כאי דעם זשורנאל, און סאי — דער אידישער ליטעראטור אין אלגעמיין. מען האט זיי טאקע דערפאר גערופן „דר. זשיטלאווסקי'ס חסידים". אבער די מעטאדן, וועלכע זיי האבן אנגעווענדט ארייננצוקריגן סובסקרייבער, זיינען ניט געווען קיין שטארק זויבערע. דער צוועק האט אבער פאר זיי געהייליקט דעם מיטל, די עקזיסטענץ פון זשורנאל איז געווען א י ב ע ר א ל ע ס. אויב א איד האט ניט געהאט קיין חשק

„ארויסצוהעלפן" דעם זשורנאל, דורכ'ן ווערן א סובסקרייבער, האָט מען אָנגעווענדעט פאַרשידנערליי מיטלען: מען האָט ניט געזשאַלעוועט צוזאָגן אלס פּרעמיום צו א סובסקריפּשאָן, אפילו דאָס טעלערל פון הימל, וועגן אזעלכע קליינינקייטן ווי — לייכטער, געשיר, אויוונס און ניי־מאַשינען איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

עטלאכע פון די אויבנדערמאָנטע אגענטן, זיינען דאַן אריבער צו דעם ניי־געגרינדעטן „ליטעראַרישער פאַרלאַג", וועלכער האָט צוגעצויגן צו דער ארבעט נאָך עטלאכע מענשן, וואָס האָבן געהאַט אַ באַציאונג און ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור, אָבער די ניי־צוגעקומענע אגענטן, דאָס זיינען געווען מענטשן פון דעם מין, וואָס האָבן ניט געוואָלט קיין נדבות פאַר דער אידישער ליטעראַטור. זיי האָבן געשטרעבט צו מאַכן דערפון אַ געשעפט. זייער סלאָגאַן איז געווען „קויפט און לייענט", און האָבן זיך טאַקע גענומען צופּאַסן די ביכער צום קויפער. (דער גרויסער ביכער אויסוואַל פונ'ם „ליטעראַרישן פאַרלאַג'ס" קאַטאַלאָג האָט זיי געגעבן אַ מעגלאַכקייט דאָס צו טאָן), ווייל אויב אפילו דער קויפער איז ניט געווען קיין לעזער, האָט ער אבער געקענט געפינען צווישן זיינע ביכער, וואָס דער אגענט האָט פאַר אים אויסגעקליבן, עפּעס אזעלכעס וואָס זאָל אים פאַראינטערעסירן, ווען ער האָט אפילו ניט מער ווי צופעליק, גענומען אַ בוך אין האַנט אריין. די אגענטן האָבן פּשוט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע צו ד ע ר צ י ע ן דעם לעזער, עס האָט זיך זיי טאַקע אַ רעכט ביסל איינגעגעבן. אגב האָבן אַ טייל אגענטן געהאַלטן פון צייט צו צייט פאָרטראָגן וועגן פאַרשידענע אידישע שרייבער, יונגע און אלטע. עס זיינען אויך געווען אזעלכע, וואָס האָבן געהאָלפן פאַרשפּרייטן דאָס אידישע פאָלקס־ליד צווישן די אידישע מאַסן איבער דער פּראָווינץ.

חוץ דעם האָבן די אגענטן געפילט, אז אויסער דעם, וואָס זיי פאַרשפּרייטן אַ זאַך וואָס איז זיי טייער, טראָגן זיי נאָך אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלאַכקייט, (צו די אידן אין דער פּראָווינץ) פאַר אַלץ וואָס עס פּאַסירט אין ניו־יאָרקער אידישן געזעלשאַפטלאַכן און ליטעראַרישן קרייז. זיי האָבן גאַנץ אָפט געמוזט פאַרטיידיקן אינסטיטוציעס, אָרגאַניזאַציעס, שטאַנדפּונקטן און מענטשן, וועלכע זיינען זיי פּערזענלאַך ניט געווען שטאַרק צום האַרצן. זיי האָבן אָבער אויף זיך געפילט אַ חוב דאָס צו טאָן, כדי צו דערהויבן דעם סטאַנדאַרד פון אידישן שרייבער, — דער אידישער ליטעראַטור.

און געוואונען פאר זיי דעם גויטיקן רעספעקט אין די אויגן פון דעם אידישן לעזער.

ווי אזוי האָבן די אגענטן פארקויפט ביכער.

יעדער אגענט האָטביים ארויסלאָזן זיך אין וועג אריין, זיך באַזאָרגט מיט אַ ליסט אַדרעסן פון סעקרעטאָרן אין ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציעס איבער זיין „טעריטאָריע". אָנקומענדיק אין אַ שטאָט אָדער שטעטל פלעגט ער פאַרפאָרן צום סעקרעטאר פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז אים פערזענלאך געווען סימפּאַטיש. געוויינלאך פלעגט דער אגענט פאַרבלייבן ביים סעקרעטאר, די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך געזאַמט אין שטעטל. צייטנווייז פלעגט דער אגענט באַזאָרגט ווערן מיט אַ מקום מנוחה אין דער שטעטלשער ליטעראַרישער אכסניה. דער בעל הכסניה איז געוויינלאך געווען דער פּאָפּולערסטער חבר (אלס חברים זיינען דאָן באַצייכנט געוואָרן די פּועלי־ציון און די סאָציאַליסטען — אלס געגנאַסען) אָדער געגנאָסע אין שטעטל. ער פלעגט זיך גרויסן דערמיט, וואָס יעדער דורכרייזנדער אידישער לעקטאר האָט זיך אויפגעהאַלטן ביי אים. אגב, האָט טאַקע דער באַלעבאָס ביי דער געלעגנהייט געמאַכט אַ שמחה'לע לכבוד דעם גאַסט. די גרויס פון דער שמחה האָט זיך געמאָסטן מיט דער וויכטיקייט פון גאַסט.

דער סעקרעטאר פלעגט ארויסשרייבן פון זיין ספר הזכרונות, אַ צעטל מיט אַדרעסן פון מיטגלידער, וואָס זיינען ראוי צו קויפן אַ אידישן בוך, און איז טאַקע בכבודו ובעצמו ארוים מיט'ן אגענט איבער'ן שטעטל פאַרקויפן ביכער צווישן די מיטגלידער. אין פאַל עס איז פאַר'ן סעקרעטאר אבסאָלוט אוממעגלאך געווען ארומגיין מיט'ן אגענט, פלעגט ער שוין באַזאָרגן אַ צווייטן אויף זיין אָרט.

אין דעם אגענט אויסגעקומען צו זיין דאָרט דורך דער צייט, וואָס די אָרגאַניזאַציע האָט איר געשעפט־זיצונג, האָט מען אים געגעבן אַ געלעגנהייט פאַרקויפן ביכער צו די מיטגלידער ביי דער זיצונג. ניט זעלטן איז פון דער אָרגאַניזאַציע באַשטימט געוואָרן אַ קאָמיטע מיטצוהעלפן דעם אגענט פאַרקויפן ביכער צווישן אייגענע און פרעמדע.

ביכער זיינען דאָן פאַרקויפט געוואָרן אויך אויף קליינע מאַנאַטלאַכע אָפּצאָלונגען, דערפאַר זיינען טאַקע פאַרקויפט געוואָרן

אַ סך ביכער, עס זיינען אָבער ניט אויסגענוצט געוואָרן אַלע מעגלאכקייטן. מיט דעם, וואָס מען האָט אויסגעלאָזט די האַלב־אמעריקאניזירטע, וואָס זיינען געשטאַנען ווייט פון די אידישע אָרגאַניזאַציעס, די וואָס זיינען נאָך ניט געווען דערוואַקסן צו אָר־גאַניזאַציעס און אויך די וואָס האָבן זיך געהאַלטן העכער פאַר די אָרגאַניזאַציעס, האָט מען פאַרנאַכלעסיגט אַרום פינף און זיבעציג פּראָצענט פון דעם אידישן פּראָספּעקטיוון קויפער און לעזער.

האָט מען די געקויפטע ביכער געליינט?

צווישן די וואָס האָבן געקויפט ביכער, האָט זיך געפונען אַ טייל לעזער פון פריער, דערהויפּט זיינען דאָס געווען די, וואָס זיי־נען געשטאַנען ביים רודער פון די אָרגאַניזאַציעס. אויף'ן איבע־ריקן עולם האָט אַביסל געווירקט דער פאַרקויפער און דער עיקר — די פירער פון די אָרגאַניזאַציעס מיט זייער ערנסטער באַציאונג צום אידישן בוך. עס האָט דאָ דאָן געהערשט דער זעלבער יראת הכבוד פאַר'ן אידישען בוך ווי פאַר'ן ספר אין דער אַלטער היים. דערפאַר טאַקע האָבן זיך אַ רעכט ביסל אידן געפילט איבער גליק־לאַך צו האָבן ביי זיך אין דערהיים אַביסל ביכער, וואו זיי וועלן פון צייט צו צייט קענען אַריינקוקן, און האָבן טאַקע אויך אַריינ־געקוקט אין זיי, אָבער וואָס אמבאַלאַנגט זייער צובונד צום בוך, זייער אָנהאַלטן דאָס לייענען, האָט זיך געווענדט לויט דעם אויף וויפיל דער אגענט און זיינע אַרטיקע אַרויסהעלפער, (אויף וועמען דער קויפער האָט זיך פאַרלאָזט און אויף וועמענס רעקאָמענדאַציע ער האָט די ביכער באַשטעלט) האָבן צוגעטראָפן זיין געשמאַק.

די אגענטן האָבן געהאַט פאַר זיך אַ גרויסן נייעם עולם, אַרום וועמען מען האָט געדאַרפט וויסן ווי אַרומצוגיין, — מיט וואָס אים איינצונעמען. דער נייער לעזער איז געווען ווי אַ ניי געבאָרן קינד. וועמענס דרכים און פאַרלאַנגען, מען האָט געדאַרפט נאָכזען און שטודירן, און די, וואָס האָבן גענען זאַכן אין ריכטיקן קאַליר, זיי האָבן אַ סך אויפגעטאָן פאַר דער אידישער ליטעראַטור, זיי קומט דער דאַנק פאַר אונזערע נייע צוגעקומענע לעזער.

די גאָלדענע צייט.

מיט׳ן אָנקומען פון דער וועלט־קריג אין יאָר 1914, ווערט צווישן אלע אנדערע געשעפטן אויך אויפגעריכט דער אידישער ביכער־געשעפט.

דער חרבן אין מזרח אייראָפּא וואו אונזערע אידן האָבן אָמשטאַרקסטנס געליטן, האָט ערשטנס דאָ געווירקט אויף די אידן וואָס האָבן געהאלטן אין אוועקגיין פון אונז, (אויך אויף אַ סך, וואָס זיינען שוין אוועק), אז זיי האָבן זיך צו אונז צוריקגעקערט שטאָלצע אידן. אַט דער מין איד איז געווען אַן אוצר פאַר׳ן אידישן ביכער־אַגענט. אגב האָט טאַקע דער עולם אין אַלגעמיין ג ע מ אַ כ ט לייכט דעם דאָלער און טאַקע לייכטער אים אויסגעגעבן.

צווייטנס, איז צוליב דער מלחמה אָפּגעשטעלט געוואָרן דער אַריינפיר פון אידישע ביכער פון אייראָפּא, במילא איז שוין די פאַרלעגענע סחורה, וואָס האָט זיך געפונען ביי די פאַרלעגער און בוכהענדלער אין די קעלערן אַוועק פאַר גוט געלט.

מיט אויסגעלייזדיקטע קעלערן און אַביסל מזומנים אין די קעשענעס, האָבן זיך די פאַרלעגער גענומען מיט מער התמדה אַרויסגעבן אָריגינעלע ביכער און איבערזעצונגען. מען האָט אויך ניט פאַרזען אונזערע יונגע שריפטשטעלער. (דאָן איז נאָך כמעט ווי ניט געווען, מער ווי איין סאָרט „יונגע“).

די באַציאונג צווישן די פאַרלעגער און אגענטן איז געווען אַ חבר׳שע. די אגענטן האָבן אפילו אונטערגעשריבן און געטוישט „טשעקס“ וואָס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אויפ׳ן נאָמען פון פאַרלאַג אלס האַנטגעלט אויף דער באַשטעלונג, און דעם פאַרלעגער איז גאָרנט איינגעפאלן, אַז עס איז ניט געשעפט־מעסיק.

עס זיינען צוגעקומען נייע אגענטן און דער האַנדל וואקסט פון טאָג צו טאָג, סאַי די פאַרלעגער, סאַי די אגענטן מאַכן גוטע געשעפטן.

עס טיילן זיך אָפּ פון „ליטעראַרישן פארלאַג“ צוויי אַגענטן: שעליובסקי און ראַדינאָווסקי און גרינדן דעם פאַרלאַג „אידיש“. די ערשטע אַרבעט פון פאַרלאַג איז, דאָס פאַנאַנדערטיילן דר. יצחק אייזיק הורוויטש׳ס שריפטן, צו די סובסקרייבער וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך אנדערע אגענטן איבער׳ן לאַנד, און פאַנגען באַלד אָן אַרויסגעבן א צוועלף בענדערדיקע אויסגאַבע פון אברהם

רייזען. דאַן קומט אכט בענדער היינע, 2 בענדער זאראטוסטרא, אַ ריי אָפּהאנדלונגען וועגן ניטשע, שניצלער, וואסערמאַן, פראנס, פּאו און קופּרין. אַ סעריע „פאר אייך און אייערע קינדער", 10) ביכלאך קינדער־מעשה'לאך מיט צייכנונגען), מנחם און ש. ניגער. אַ ריי איבערזעצטע ראָמאַנען, דרייצן בענדער י. ל. פּרץ, איבער־זעצט א טייל פון דור דור ודורשיו, ז. לאנדוי (אנטאלאָגיע), זייערע פּלענער דערגרייכן עד אין קץ.

אַז עס גייט געשעפט, ווערט אויך פון מ. יאנקאָוויצ'ס „פּוש־קארט" אַ פארלאג, ער פאנגט אָן מיט „ארציבאשעוו" און „פּארעל" און פּארנעמט זיך דערנאָך צו „דאָסטאיעווסקי" און „הוגא".

די יונגע זיצן אויך ניט מיט פארלייגטע הענט און דוד קאַ־זאַנסקי גרינדעט כמעט אָן געלט דעם פארלאג „אינזל" און גיט ארויס דריי בענדער מאני־לייב, דריי בענדער דוד איגנאַטאָוו, לייַ־וויק'ס לידער, ראָלניק'ס לידער, ער גיט אויך אַרויס דעם ערשטן זאמלבוך „אינזל", און גרייט זיך אַרויסגעבן צוואנציק בענדער „די וועלט דיכטונג" אין אידיש.

ניט קענענדיק צוזען און פּאַרטראָגן ווי די אידישע פּאַרלעגער (אידישע גזלנים) עקספּלואטירן די אידישע שרייבער, גרינדעט דוד איגנאַטאָוו דעם פארלאג „אַמעריקא", (פאר דער וועלט הייסט עס א קאָאָפּעראַטיווער פארלאג פון אידישע שרייבער, וואָס דאַרף צום אלעם ערשטן געבן דעם שרייבער די פולע מאַטעריעלע „פרוכט פון זיין אַרבעט". אָבער צום באַדויערן האָבן די שרייבער פון דעם מער ווי הארצווייטאק ניט געהאט). ער דרוקט צום ערשטן איבער זיינע אייגענע דריי בענדער און נאָך א פערטן באַנד דערצו „וואונ־דער מעשיות פון אַלטן פּראג", דערנאָך גיט ער אַרויס ל. מילער. א. מ. דילאָן, ה. לייוויק, דריי בענדער פון א. ראַבאָי, דריי בענדער פון י. מילך, צוויי בענדער פון ש. צ. זעצער, טשעסטער, פיר ביכער פון דעם דריי מאָנאַטלאכן זשורנאל „שריפטן" און אַ סעריע „גאָלד און זילבער און בריליאנטן".

דער פאָלקלאריסט י. ל. כהן גרינדעט דעם פארלאג „ניי־צייט" און גיט אַרויס א. רייזען (הומאָרעסקען) ל. שאַפּירא, י. אפּאטאשאָו, פ. אלטענבערג, פ. שטאָק, א. דימאָוו, ב. לאפּין, ה. באנג, צוויי בענדער קופּרין און פיר בענדער דזשעק לאָנדאָן.

כמעט אלע ארויסגעגעבענע זאכן פאַררעכנט י. ל. כהן נאָר אלס מיטל, וואָס זאָל דעקן די דעפיציטן וועלכע ער דערוואַרט צו

האבן ביים ארויסגעבן א ריי ביכער וועגן קונסט. און עס וואקסן אויס פארלאגן ווי שוועמלאך נאך א רעגן.

פארלאג „לעבן" (נח שטיינבערג), גיט ארויס צוויי בענדער, פון לאה ק. האפמאן, הערמאן גאלד, און צוויי ביכלאך פון נח שטיינבערג.

דוד קאזאנסקי נעמט זיך צו א נייער אונטערנעמונג און גרינדעט דעם פארלאג „היים" און גיט ארויס אונטער דער רעדאקציע פון דר. יצחק אייזיק הורוויטש, „די וויסנשאפטלאכע ביבליאטעק" אין צען בענדער, און עטלאכע העפטן פון א „אוניווערסאל ביבליאטעק".

פארלאג „ליטעראטור" (מ. הערשענזאן) גיט ארויס מ. אישעראוויטש, ווערביצקאיא, סארא ב. סימטה, ז. לעווין, מארים ראזענפעלד (גרינע צרות) און נאך. פארלאג „פאלקס-בילדונג" גיט ארויס ניין בענדער פון א. ליטווין.

עס גרינדן זיך געזעלשאפטן, וואס גיבן ארויס די ווערק פון שלום-עליכם, דר. ח. זשיטלאווסקי, יהואש, פ. הירשביין, קארל מארקס, פ. קראפאטקין, א. בערקמאן. דער „פארווערטס" גיט ארויס פופצן בענדער מאפאסאן, דריי בענדער מארים ראזענפעלד, פיר בענדער ז. ליבין, גאנץ שלום אש, אלגין, דר. גינצבורג, ראגאף, צוויי בענדער ל. קאברין, שעקספיר (איבערזעצט פון י. י. שווארץ), א. בעבעל, צוויי בענדער „היסטאריע פון די פאראייניגטע שטאאטען" און „נשמה יתרה" פון אב. קאהאן, טאלסטאי, זאלא, לאצקא און דריי בענדער מ. ווינטשעווסקי. דער „ארבייטער רינג" גיט ארויס א ריי וויסנשאפטלאכע ביכער. די „פרייע ארבייטער שטימע" שטייט ניט אפ און גיט ארויס עטלאכע ביכער. דאסזעלבע טוען אויך „דער טאג", די „אמעריקאנער ציוניסטישע פעדעראציאן", „דער קונדס", „דיווארהייט", „דער מארגען זשורנאל", די פ"צ פארטיי, די סאציאליסטישע פעדעראציע, און ווער ניט? דאן קומט דער „וויזארד" אבא קאצענעלענבויגען (דער איינציקער „דזשאבער" פון דער אידישער ליטעראטור) און שטעקט אן אלע „מוכרי-ספרים" איבער'ן גאנצן לאנד מיט אידישע ליטעראטור. מען גיט פאר אים ארויס א צווייטע אויפלאגע פון דר. ח. זשיטלאווסקי'ס ערשטע פיר בענדער „געזאמעלטע שריפטען". רחל לוריע, און א זאמלונג פון אליקום צונזער'ס ווערק אין דריי בענדער, א. א.

די פאַרלעגער מגפה כאַפּט אויך אַרום דער פּראָווינץ. עס ווערט געשאַפן דער „מאַלערמאַן פאַרלאַג" אין פילאַדעלפיא, און גיט אַרויס גרענט עלען, צוויי בענדער גאָרקי, און פּאָוסט אין צוויי בענדער.

דורך דער צייט גיבן איניגע שרייבער אַרויס זייערע ווערק אויפ'ן אייגענעם חשבון.

דערנאָך קומט דער פאַרלאַג „קולטור" (ש. סעקולער) מיט תלוש, ב. גלאַזמאַן, י. גלאַדשטיין, גאַנטשאַראָוו, צוויי בענדער געשיכטע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, מ. שיפּרים, ז. וויינפּער, מ. י. חיימאָוויטש, דר. יצחק אייזיק הורוויטש, מ. סטרוגאַטש, אַ. אַנדרוס גלאַזער און אַרלין.

עס זיינען אויך געווען אַ צאָל קליינע פאַרלאַגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן צו עטלאַכע ביכער, ווי למשל, „דאָס אידישע בוך", („אַנטאָלאָגיע" פון מ. באַסין), „מילער און הילמאַן", „ליטעראַרי־שע פּערל" (קאָאָפּעראַטיווער פאַרלאַג), „אסף", „פּראָגרעס" א. א.

מיט אַמאָל קומט דער קריזיס און כאַפּט אַרום אַלע אידישע פאַרלעגער און ביכער געשעפטן.

די בערך פופצן טויזנט דאָלערדיקע אידישע ביכער באַשטע־לונג פון דער „פּיפּלס רעליף" האָט ניט פאַרבעסערט די לאַגע. דאָס האָט נאָר געגעבן אַ געלעגנהייט די פאַרלעגער אַביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, און ווי דער שטייגער איז, אַז עס קראַכט עפּעס, אויף וואָס עס איז פריער געווען אַ „בום" גייט דאָס געשעפט אַרונטער נאָך נידעריקער ווי דער סטאַנדאַרד אין נאָרמאַלע צייטן. אַזוי איז אויך געווען מיט'ן בוך וועזן.

סבות פאַר'ן איצטיקן צושטאַנד זיינען פאַראַן אַ סך. דאָס זיינען אָבער זיכער ניט די, אויף וועלכע אייניגע צייגן אָן. טענה נומער איינס: „די פאַרלעגער האָבן ניט צוגעטראָפן דעם געשמאַק פון לעזער". מיר האָבן דאָך אַ גרויסע ליטעראַטור מיט ביכער פון כל המינים, היינט וואו זיינען די גליקן פון פאַרלעגער וואָס האָבן יאָ צוגעטראָפן דעם לעזערס געשמאַק?!

טענה נומער צוויי: „דער נייער „סעט" סיסטעם מאַכט אומ־מעגלאָך צו קויפן אַ אידישן בוך". ווער צווינגט עס עמיצן קויפן גאַנצע „סעטס"?! מען קען דאָך פון מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם, רייזען, אַש, יהואש, מ. ראָזענפעלד, אויך באַקומען איינ־ציקע אָדער עטלאַכע בענדער, אויב ניט ביי די זעלבע פאַרלעגער

וואָס האָבן אַרויסגעגעבן די „סעטס", איז ביי אַנדערע. וואָס אַמבאַ־לאַנגט „די יונגע" זיינען זיי דאָך נאָך ניט געבונדן אין „סעטס".

טענה נומער דריי: „אידישע ביכער קאָסטן צו טייער" (אין פאַרגלייך מיט וואָס? !) די ענגלישע ביכער, וואָס זיינען אַרויס־געגעבן געוואָרן די לעצטע עטלאַכע יאָר קאָסטן אויך צו צוויי און דריי דאָלער אַ בוך. דער לעצטער בעל־טענה דערמאָנט אונז אָן דעם פעטער „יאשע", אַ קרעמער אין אַ קליין ליטוויש שטעטל, וואָס האָט זיך שטאַרק באַקלאָגט נאָך דער לעצטער מלחמה, אַז הע־רינג קאָסטן צו טייער, „אַ שפּילכאַלע אַ יקרות" פלעגט ער טענה'ן „זעכציק קאָפּיקעס אַ הערינג, די הורטאָוניקעס זיינען דאָך פּשוט'ע גזלנים." ער האָט אָבער זיך ניט באַקלאָגט, ווען ער אַליין האָט דעמ־זעלבן הערינג פאַרקויפט פאַר אַ רובל און פאַרדינט זעכס און זעכ־ציק פּראָצענט אָן דעם מסחר, בשעת ער האָט פאַר דער מלחמה אַן דער זעלבער געשעפט־טראַנסאַקציע, פאַרדינט נאָר צוואַנציק פּראָ־צענט.

מיט'ן יקרות אויף מאַטעריאַל און דרוק־זאַכן זיינען ביכער אין אַלע שפּראַכן געהעכערט געוואָרן אין פּרייז, אויב עס איז פאַר עמיצן אַ נויטווענדיקייט אָדער אַ פאַרגעניגן צו האָבן אַ אידישן בוך ביי זיך אין הויז, איז עס ווערט דאָס געלט.

טענה נומער פיר: „די פאַרלעגער אַנאָנסירן ניט גענוג זייער סחורה". אַנאָנסן קאָסטן געלט, מיינע ליבע אידן, און וואָס פאַר אַ רעזולטאַטן קען דער פאַרלעגער ערוואַרטן? ! דער עולם איז שווער אויף דער פעדער, ווען עס קומט צום אויסשרייבן אַ בוך פון ניו־יאָרק. די „קאַנטרי" בוכהענדלער האָבן שוין לאַנג איינגע־זען אַז ספרי רומ"ל איז אַ סך אַ בעסערער אַרטיקל ווי ליטעראַ־טור. עס פאַרקויפט זיך אַן אַנאָנסן און אַפילו אַן אַגענטן.

און איידער דער פאַרלעגער זאָל אויסגעבן עטלאַכע הונדערט דאָלער אויף צייטונגס אַנאָנסן (וואָס דאָס איז איינגעטלאָך אַ מי־נימום) כדי מ'זאָל זיך דערוויסן איבער'ן לאַנד וועגן אַ נייע אויס־גאַבע, קען ער דאָך שוין פאַר דאָס געלט אַרויסגעבן אַ צווייטן בוך, ווייל מיט'ן פאַרקויף פון 200 ביז 300 קאָפּיעס איז ער דאָך כמעט אַלע מאָל זיכער, אויף אַזאַ אופן וועט דאָך שוין דאָס איינ־געלייזטע געלט זיין כלו ריוח, חוץ דעם קענען זיך דאָך דורך דער צייט אויך טרעפן אָביסל בעלנים אויפ'ן ערשטן בוך, בפרט נאָך

ווען ער מרעפט צו מיט'ן צווייטן בוך דעם געשמאַק פון די לעזער איז דאָך עס גאָר א קלאָנדייק.

אגב, דאָ אונטערשיידט זיך טעאַטער אונטערנעמונג פון פאַר־לעגערײ. טעאַטער איז א טאָג זאַך, היינט ווערט צוגעגרייט ד א ס ג א נ צ ע, און נאָך היינט מוז דאָס קאָנסומירט ווערן. די אויסגאַבן פאַר'ן טעאַטער אונטערנעמער זיינען דיזעלבע ווען עס זיינען דאָ נאָר א קליינע צאָל באַזוכער, אָדער — ווען הונדערטער מענשן מוזן גיין צוריק צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, דערפאַר טאַקע מוז ער זען אַז זיין אַנאַנס זאָל זיין וואָס גרעסער, מער אנגעזען, כדי ס'זאָל „פּאַקן" דעם עולם, און דערביי שטעלט ער נאָר איין עטלאַכע צענדליק דאָלער, וואָס ברייננגט אין דורכשניט טויזנטער, וועלכע דעקן אַלע אומפאַרמיידלאַכע הוצאות און לאָזן נאָך געוויינלאַך איבער א רעכט ביסל פּראָפיט, דערפאַר טאַקע דער פּרייטיקקדיקער „טעאַטער־פּיידזש יריד" אין אונזער פּרעסע.

אמת, אונזער פאַרלעגערײ איז א קבצניש געשעפט, אפילו דער גרעסטער „סטאַר" פאַרלעגער „ציט" פון זיין געשעפט ניט מער, ווי א „לאָקאַל־פּייפּניק" איז באַרעכטיקט לויט דער יוניאָן קאָנסטיטוציע, דערפאַר אבער איז דער פאַרלעגער אַלעמאָל (אין נאָרמאַלע צייטן) זיכער מיט זיין קרן. ער דאַרף נאָר האָבן גע־דולד ביז עס ווערט רעאַליזירט אין מזומנים.

אַי, פאַרוואָס לאָזט זיך דער עולם אין טעאַטער אריין און אינטערעסירט זיך אפילו מיט לעקציעס וועגן טעאַטער, אָבער קויפט זעלטן אַ אידישן בוך און באַזוכט אויך ניט קיין לעקציעס וועגן ליטעראַטור? דאָס איז אפשר דערפאַר, ווייל מיר לעבן איצט אויפ'ן גאַס, מיט דער גאַס, און לייענען א בוך, מיינט זיין אליין ביחידות, אין זיך.

מיר וועלן זוכן די סבות פון איצטיקן צושטאַנד אויפ'ן ביכער־מאַרק ביי די פאַראינטערעסירטע אין דעם ענין, — און דאָס זיי־נען דער שרייבער, ארויסגעבער, אגענט און לעזער.

דער לעזער פאַרלירט דעם רעספּעקט.

מיר וועלן אָנפאַנגען מיט'ן קויפער, (ווייל צוליב אים איז דאָך איינגעטלאָך דער גאַנצער טומל), וואָס האָט אין 1913 געהאַט רעס־פּעקט פאַר'ן אידישן שרייבער, פאַר'ן פּאַרטיי פירער, פאַר דער

פּאַרטיי־ליטעראַטור, — און פאר דאָס געדרוקטע וואָרט אין אַל־געמיין, ווייל וועגן ער האָט אפילו אין דער אַלטער היים באַלאַנגט צו א געהיים פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע און האָט איינגעוויקלט ארונטערצוזעצן דעם „צאַר“, זיינען אָבער די מענטשן, וואָס דרוקן און פאַרשפּרייטן אין געהיים אומלעגאַלע ליטעראַטור, — פּאַרן ארום איבער די שטעטלאַך אונטער פרעמדע נעמען אויף פרעמדע פּאַספּאָרטן און אָרגאַניזירן די גאַנצע אַרבעט, — געווען ביי אים פאררעכנט אַלס לעגענדארע פּערזענלאַכקייטן. דער שרייבער, — איז פאר אים געווען א גרויס געלערנטער מענש, וואָס איז געגאַנגען אין גימנאַזיע און אפשר נאָך אין אן אוניווערזיטעט ערגעץ אין אויסלאַנד, א מענש וואָס טראַכט אוים מעשיות פון אייגענעם קאָפּ און מאכט דערפון ביכער, וועגן וועלכע דער לערער (דער אינטע־ליגענט פון שטעטל, וואָס איז אליין אויך פון ע ר ג ע ץ א ווייטער שטאָט) דערציילט זיי פון צייט צו צייט.

אָט דער לעזער איז אויך ניט געשטאַנען אויף איין אָרט. דאָס ראשיגע אידישע אָרגאַניזאַציע לעבן האָט אויך אים (דורך כיטרע קאמפּיינס) ארייַנגעכאַפּט אין קאראַהאַד, ער האָט אויך אָנגעפאַנגען זאָגן א דעה אין אָרגאַניזאַציע ענינים, ער איז דערוויילט געוואָרן צו אן אמט דערנאָך, — אלס דעלעגאַט צו א קאָנווענציע, וואו ער האָט זיך געטראָפן מיט אונזערע גדולי־הדור פּנים אל פּנים, ער האָט זיי באַטראַכט אויף זיין שטייגער און איז געקומען צום באַ־שלוּם אז זיי, די גדולים, זיינען אויך בשר ודם'ס. אָט איז ער דאָך געזעסן זייט־ביי־זייט מיט דעם און יענעם גדול, און זיי האָבן אים באַהאַנדלט ווי זייערס א גלייכן. איינער פון זיי האָט מיט אים אפילו א פּאַפּיראָס פאררויכערט.

די אָרגאַניזאַציעס זיינען געוואַקסן און האָבן זיך פאַרצווייגט. עס האָבן זיך געפאָדערט מענטשן, וואָס זאָלן אָנגיין מיט דער אַר־בעט, אין די צווייגן איבער'ן לאַנד. עס זיינען אָנגעשטעלט גע־וואָרן לאָקאַלע פּאַרטרעטער, וואָס זיינען ניט געווען ראוי צו פאַר־טרעטן די אידעאַלן און די אויפגאַבן פון די אָרגאַניזאַציעס. איי־ניגע זיינען אָנגעשטעלט געוואָרן באין ברירה, ווייל קיין בעסערע זיינען ניט געווען בנמצא, אַנדערע, — צוליב פּייוואָריטיזם.

אָט די אומגעווינטשטע לאָקאַלע פּאַרטרעטער האָבן געהאָלפן צו דער דעמאָראַליזאַציע, ווייל זיי האָבן דאָך געמוזט פירן „קליין פּאָליטיק“, און אָן אַרויסהעלפער קען דאָך אַזאַ שוואַרצע אַרבעט

ניט געטאָן ווערן. במילא איז די דיסטאַנץ צווישן פירער און גע־פירטע געוועזן א גאַנץ קליינע.

דערצו איז נאָך צוגעקומען די גרויסע רוסישע איבערקערע־ניש מיט די שפּאַלטונגען אין די פּאַרטייען, די כ ה נ י ם ג ד ו ל י ם אליין האָבען אָנגעהויבן צו רייסן איינע די צווייטע ביי די טשופרינעס, מען האָט זיך מכבד געווען מיט ריכטיקע פאַר־ציעם זלזולים פון ערגערן סאָרט. הײַנט וואָס האָט שוין די מ אַ ס ע געזאָלט טאָן ?! האָט מען טאַקע פאַרלאָרן דעם רעספּעקט צו דער אָרגאַניזאַציע, — די פירער, און במילא אויך, — צו אַ סך אַנדערע זאַכן, וועלכע מען האָט ביז דאַן שטאַרק רעספּעקטירט. אַזוי איז שוין דער שטייגער ביי אונז אידן. דערפאַר טאַקע שטייען היינט די פול־געפּאַקטע ביבליאָטעקן אין די „לייבאָר־לייסעאומס", איינזאַם פאַרלאָזן, און קיינער איז זיך ניט מרחם אויף זיי. זעלטן ווען, טרעפט מען דאָרט עמיצן אריינקוקן אין אַ בוך אריין. דאָס איז דער רעזולטאַט פון די רייסערייען צווישן „רעכטע" און „לינקע".

אַלטע און נייע אַגענטן.

עס איז פאַרשטענדלאָך אז אין דעם ניט געהעריקן רעספּעקט צום אידישן שרייבער און בוך, זיינען אַ רעכט ביסל שולדיק די ניט־אָרענטלאָכע אַגענטן, ווייל ביים קויפער זיינען די אַגענטן פאַר־רעכנט געווען אַלס די אַפּאָסטאָלן פון דער אידישער ליטעראַטור.

יעדער פאַלשער שריט און שלעכטע ניט קאָרעקטע האַנדלונג פון דעם אַגענט, האָט אין דעם קויפערס אויגן געוויזן אַ שלעכטע זייט פון דער אידישער ליטעראַטור.

די טענות וואָס דער קויפער האָט געהאַט צום אַגענט און צום אידישן ביכער־געשעפט אין אַלגעמיין, נעמט זיך דערפון, וואָס דער קויפער האָט געשטעלט דיזעלבע פאָדערונגען צום א י ד י ש ן ב י כ ע ר געשעפט ווי צום ע נ ג ל י ש ן. און דאָס איז שוין אביסל אַן אומרעכט פון דעם קויפערס צד. עס זיינען אָבער געווען אַ רעכט ביסל גערעכטע טענות, דער קויפער איז ביי אונז באמת ניט אַנשטענדיק באַהאַנדלט געוואָרן. פון די ערשטע זשיטלאָווס־קי אַגענטן, — מיט דעם, וואָס זיי האָבן אויף אים אַרויפגעצוואונ־גען זאַכן, וואָס זיינען פאַר'ן לעזער קיינמאָל ניט געווען צוגיינגלאָך, און פון די לעצטע אַגענטן (וואָס זיינען צוגעקומען דורך די מלחמה

יאָרן) דערפאַר וואָס זיי האָבן אים גאָר פשוט אָפּגענאַרט און אויס־גענוצט זיין צוטרויען פאַר זייער אייגנפּערזענלאַכע מאַטעריעלע נוצן.

די דערמאָנטע אַגענטן זיינען געווען דערהויפּט פּאַרטיי מענשן „הבה נתחכמה'ניקעס", וואָס האָבן דורכ'ן ביכער פּאַרקויף געפונען א מיטל, ווי אַזוי אויסצונוצן זייערע פּאַרטיי חברים, וועמען זיי האָבן געהאַלטן פאַר „יאָלדן", וואָס דאַרפן ביי זיי פאַלן אַלס „קרבנות". אַט דער מין אַגענט האָט דעם גרעסטן חלק אין דער דעמאָראַליזאַציע ארבעט.

מיר האָבן אויך געהאַט א פּאָר פרויען אַגענטן. מיר זיינען מיט זייער ארבעט ניט איינגאַנצן באַקאַנט, אָבער ווי עס ווייזט אויס האָבן זיי אַחוץ דאָס צעשטערונג פון שלום בית ביי עטלאַכע אי־דישע פּאַמיליעס איבער די שטעטלאַך גאָרניט אויפגעטאָן פּאַר דער אידישער ליטעראַטור.

דעם גרעסטן אויפטו פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון דער אי־דישער ליטעראַטור אין אמעריקא, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען עט־לאַכע אַגענטן, פון די ערשטע אָנגעשטעלטע ביים „ליטעראַרישן פאַרלאַג". חוץ זייער ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור האָבן זיי אויך פאַרמאָגט טאַקט, זיי האָבן געשאַפן לעזער, זיי האָבן ניט געשלאָגן קיין קאַפּיטאַל פון זייער אידעאַל, ווייל זיי האָבן ניט פאַרקויפט קיין אידעאַלן. די ליבע צו דער אידישער ליטעראַטור איז געווען זייערע א פּריוואַט זאַך, וואָס זיי האָבן ניט פאַרטרויט יעדן קויפער, אפילו ניט צו יחידי סגולה. זיי האָבן געוואוסט אַז דער קליין געשעפט פון אידישן ביכער פאַרקויף איז ווייט ניט גלייך מיט'ן ענגלישן. דעם ענגלישן ביכער געשעפט האָבן זיי פאַרגליכן צו א געשעפט אין א „ראש" געגנט, וואו מען מוז ניט שטאַרק מקפיד זיין מיט'ן צופרידנשטעלן די קונדן, ווייל עס זיינען דאָ א סך פאַרבייגייער, גייט איינער אוועק אומצופרידן, קומען צען אַנדערע אויף זיין אָרט. אָבער ווען עס קומט צו א קונה פון אידישע ביכער, מוז מען אים פּיעס־טשען ווי א קליין קינד. דערפאַר טאַקע האָבן זיי זיך געמיט צו־פרידנשטעלן דעם קויפער אויף אַלע אופנים, דאָס האָט געווירקט אויפ'ן קונה, אַז ער באַציט זיך צו אַט די אַגענטן (פון וועמען עס איז שוין היינט אפילו קיין זכר ניט געבליבן) מיט א געוואַלדיקן רעספּעקט, און דורך דעם אַרויסגערופענעם רעספּעקט האָבן די

אגענטן, געווירקט אויף א טייל געוויינלאכע קויפער, אז זיי זיינען געוואָרן גוטע לעזער. א גרויסע צאָל פּערספּעקטיווע לעזער זיינען געשעדיקט געוואָרן דורך דעם, וואָס זיי זיינען געוואָרן „קרבנות" פון די ניט פאַראַנטוואָרטלאכע אגענטן. א טייל אגענטן פון דעם „שלום עליכם פאָלקס־פאָנד" וואָלטן אויך געקענט א רעכט ביסל אויפטאָן פאַר'ן אידישן בוך, ווען זיי וואָלטן פּ אַ ר ק ו י פ ט די שלום עליכם שריפטן און ניט גע'טענה'ט אז דער ע ו ל ם איז מחויב אויסצוהאַלטן שלום עליכם'ס מ ש פ ח ה.

דעם פאַרלעגערס חלק.

דער פאַרלעגער מיט'ן קויפער זיינען אפילו געווען ווייטע קרובים, אבער דאָך מחתנים.

דער קויפער איז פאַר א פאַרלעגער א ציניקער געווען פאַררעכנט אלס א כ ש ר ה ב ה מ ה ' ל ע וואָס לאָזט זיך אָ ל ע מאָ ל מ ע ל ק ן, און פאַר א געשעפט פאַרלעגער אָדער אידעאַליסט, — אלס א א י ד ע א ל י ס ט, וואָס וועט זיכער אַרויסהעלפן יעדער ווינשנסווערטע אונטערנעמונג. צוליב דעם, וואָס די פאַרלעגער האָבן זיך ניט געטראָפן פּנים אל פּנים מיט'ן קויפער, דערפאַר האָבן זיי, די פאַרלעגער, (אפילו די פאַראַנטוואָרטלאכסטע) זיך ניט געמיט צופרידנשטעלן דעם קויפער.

צווישן פאַרלעגער און קויפער איז אלעמאָל געשטאַנען דער אגענט און ניט זעלטן האָט פּאַסירט אז דער בעסערער אגענט האָט געהאַט א שווערן „דזשאָב" אויסצוגלייכן די סיכסוכים צווישן זיינע ביידע ברויט־געבער.

דער קויפער איז געווען זייער קאַפּריזנע, קוים האָט ער געפילט אז מען האָט אים חס וחלילה אָפּגענאַרט, מעג עס אפילו זיין ניט אין געלט ענינים, נאָר אין צייט, (די ביכער זיינען דערשינען, אָדער צוגעשיקט געוואָרן מיט עטלאכע וואָכן שפּעטער פון דער צוגעזאָגטער צייט), איז געווען הימל־עפן זיך.

מען האָט באמת א רעכט ביסל קויפער און סובסקרייבער אויף נאָך ניט דערשינענע ביכער, מיאוס באהאנדלט. עטלאכע פון די צוגעזאָגטע אויסגאַבן, (פאַר וועלכע דער סובסקרייבער האָט איינגעצאָלט א טייל, אָדער דעם גאַנצן באַטרעף) האָבן קיינמאָל ניט אנגעזען די ליכטיקע וועלט. אנדערע זיינען אַרויס מיט עטלאכע יאָר

שפּעטער פון דער צוגעזאָגטער צייט, אויף אַזאַ מין אופן, האָט סאַי דער קונה, סאַי דער פאַרלעגער פאַרלאָרן דעם חשבון (משטיינס געזאָגט ס'אַרא בוכהאַלטעריע אונזערע פאַרלעגער פירן) דאָס האָט געבראַכט צו אַ רעכט ביסל מיספאַרשטענדניסן צווישן פאַרלעגער און קויפער. (אַ טייל פון די פאַרשפּעטיקטע אויסגאַבן זיינען די 15 בענד געאָרג בראַנדעס „פאַרלאַג מייזל", פאַרשפּעטיקט אויף עטלאַכע יאָר; די לעצטע עטלאַכע סעריעס פון „שלום עליכם פאָלקס־פאָנד", האָט זיך פאַרשפּעטיקט אויף כמעט אַ יאָר יעדע סעריע; אַלע אויסגאַבן פון „קאַרל מאַרקס ליטעראַטור געזעלשאַפט", און אַ. בערקמאַנ'ס „פּריזאָן ערגינערונגען פון אַן אַנאַרכיסט").

צווישן די אומגעלונגענע אויסגאַבן קענען אויך פאַררעכנט ווערן וועכענטלאַכע און מאָנאַטלאַכע זשורנאַלן.

די מערסטע פון זיי האָבן געזאָלט פאַרגרעסערן דעם לעזער־קרייז, אָבער די אורזאַך פון זייער אונטערגאַנג איז אַלעמאָל דער מאַנגל אין לעזער. די טבע פון אַזעלכע אויסגאַבן איז אַגב צו באַקומען כרת יאָרן איידער די סובסקרייבער באַקומען זייער געלט־ווערט. (די פולע צאָל קאַפּיטעלס אויף וויפיל זיי האָבן זיך אַבאָנירט).

אַלס אויסנאַם קאָן פאַרצייכנט ווערן דער פאַל פון דוד פּינס־קי'ס צוריקקערן דאָס געלט צו די סובסקרייבער, ווען זיין זשורנאַל („דאָס אידישע וואָכענשריפט" 1912) האָט אויפגעהערט דער־שיינען.

די שולד פאַר די ניט פאַראַנטוואָרטלאַכע אַגענטן, פאַלט אינ־גאַנצן אויף די פאַרלעגער. זיי האָבן געדאַרפט זיין מער פאָרזיכטיק ביים קלייבן די מענשן, וואָס דאַרפן זיי פאַרטרעטן. ביי זיי איז אָבער דער עיקר געווען אַ סך געשעפט. און מיר ווייסן פון אַ פאַל, וואו איין פאַרלעגער האָט אָפּגעקויפט פון אַ צווייטן פאַרלעגער אַן אַגענט פאַר 150 דאָלער. אמת, דער אַגענט האָט געטאָן אַ סך געשעפט, אָבער דורכוים ניט מיט קיין זויבערע מעטאָדן, וויל נאָך איידער דער מסחר צווישן די צוויי פאַרלעגער איז געשלאָסן גע־וואָרן, האָט שוין דער תנא־ברא, דער אַגענט, אָפּגעטאָן אַזעלכע שיינע „שטוטשקעס", פאַר וועלכע ער זיצט נאָך אפשר היינט פאַר־שפּאַרט ערגעץ אין אַ תפיסה.

עטלאַכע אַגענטן פון פאַרלאַג „אַמעריקאַ" האָבן אַנגענומען די מעטאָדע פון מאַכן די שרייבער פאַר פּ ו ז י ש ע ק אַ ל י ק ע ס. זיי האָבן איינגערעדט די קויפער אַז די שרייבער פון די ביכער

וועלכע זיי פאַרקויפן זיינען אלע קראנק. איינער אָן פיס, דער צווייטער — אָן הענט, דער דריטער — בלינד, דער פערטער — טובערקולאָז, א. אַז. וו. דעם עולם האָט גערירט די לאגע פון די שרייבער, און יעדער האָט געטאָן זיין „פליכט“, אָבער די אגענטן, (עטלאכע פון זיי יונגע פּאָעטן), איז ניט אָנגעשטאַנען צו זיין פשוט׳ע געשעפטס־מענטשן און האָבן ניט פאַרצייכנט געניוי, דאָס וואָס דער, אָדער יענער געלט געבער האָט באַשטעלט. במילא האָט מען געשיקט דאָס וואָס עס איז געקומען צום האַנט, און מיט א רעכט ביסל האָט מען זיך גאָר ניט „געבאַדערט“.

די ארבעט פון א רעכט ביסל אזעלכע צאצקעדיקע אגענטן האָט שטאַרק געווירקט אויפ׳ן קויפער און האָט פאַרשאַפט אַ סך שוועריקייט אין דער ארבעט פון די עטלאכע אנשטענדיקע אגענטן.

דער סוף איז, אז עס איז באמת שווער פעסטצושטעלן ווער וועמען האָט מער אָפּגענאַרט און ליגן געזאָגט, דער אַגענט דעם קויפער אָדער פארקערט. איין זאך איז אבער זיכער, אז: אין באַצוג צום בעסערן אגענט האָבן סאַי די פּריוואַטע קויפער און סאַי די פארוואלטער פון די אָרגאַניזאַציע ביבליאָטעקן ניט איבעריק פיין געהאנדלט, נאָר זאָל זיי אָט דער חטא פארגעבן ווערן מיט אלע אנדערע זינד זייערע.

מיר וייסן פון פאלן, וואו קויפער האָבן זיך אנטזאגט צו גערויען געלט דיזעלביקע אגענטן וועמען זיי האָבן שוין זייער געלט פריער אנפארטרויט, נאָר דערפאר, ווייל א ניט אנשטענדיקער אגענט האָט זיך אין מיטן דרינען ארייננעדרייט און האָט אויסגענאַרט פון דעם קויפער עטלאכע טאלער. יא, אז מען בריט זיך אָפּ אויף הייסן, בלאָזט מען אויף קאלטן.

דער שרייבער.

מיט׳ן פארלירן דעם רעספּעקט פאר די פּאַרטיי גדולים, האָט דער לעזער און ספּעציעל דער קויפער אויך פאַרלאָרן דעם רעספּעקט פאר׳ן אידיישן שרייבער, ווייל אויב די פּאַרטיי האָט געמוזט אָנשטעלן לאָקאלע באאמטע אָנצופירן די אָרטיקע פּאַרטיי אַרבעט, האָט זי אויך געמוזט שאַפן א פאַרשפרייטער פאר דער פּאַרטיי־ליטעראטור, און ווען די פּאַרטיי פרעסע האָט זיך אנטוויקלט, זיינען געשאַפן געוואָרן ארטיקע קאָמיטעטן, וואָס פלעגן זאמלען

אנאָנסן פאַר'ן „ספּעציעלן נומער" פון דעם פּאַרטיי אָרגאַן פאַר דער באַטרעפענדער שטאַט.

כדי צו געבן א ציימונג וואָס זאָל כאַטש אביסעל פאַראינטע־רעסירן צוליב די אנאָנסן געבער, די אַרטיקע באַפעלקערונג, האָט מען געמוזט געבן אביסל ארטיקע נייס און פּלאַטקעס — וועגן פאַרשידענע אַרטיקע אינסטיטוציעס און פּערזענלאַכקייטן. דער־נאָך האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן זשורנאַלן צו יעדער גרעסערע אונטערנעמונג, אין אייניגע שטעט און שטעטלאַך האָבן אָנגעפאַנ־גען דערשיינען „רעגעלע" זשורנאַלען, וועכנטלאַכע און מאָנאַטלאַ־כע. עס פּארשטייט זיך, אז זיי האָבן לאַנג ניט געצויגן. עס זיינען אויך צוגעקומען די לאַנדסלייט פאַראיינען מיט זייערע זשורנאַלן. (אייניגע לאַנדסלייט פאַראיינען האָבן פּעריאָדישע אויסגאַבן). אָט אזוי איז געשאַפן געוואָרן א נייער מין שרייבער, (אייניקע פון זיי האָבן שוין אַרויסגעגעבן ביכער). קיין גוואַלדיקן רעספּעקט האָט דער מין שרייבער צו זיך ניט געצויגן. במילא איז שוין דער גלאַנץ פון דער שרייבער פּראָפעסיע אין אַלגעמיין אביסל מאַטער גע־וואָרן.

אין דער ניט געהעריקער באַציאונג פון עולם צום שרייבער, זיינען א רעכט ביסל שולדיק אונזערע שרייבער אליין. אונזערע אַלטע תלמידי חכמים זיינען גוט באַקאַנט געווען מיט די אייגנ־שאַפטן פון אידישן עולם, און דערפאַר טאַקע האָבן זיי געזאָגט, אַז א תלמיד מיט א רבי'ן טאָרן צוזאַמען אין מרחץ ניט גיין, שצריך להתבייש מכבודו וממוראו. אמת, שרייבער דאַרפן זיך טאַקע ניט שטאַרק בלאָזן, עס דאַרף זיך אָבער ד אַ ד פּ י ל ן א דיס־טאַנץ צווישן שרייבער און לעזער. חוץ דעם דרייען זיך אַרום אונ־זערע שרייבער א רעכט ביסל מענטשן וואָס זיינען אפילו קיין לעזער אויך ניט, נאָר פּשוט'ע עמי הארצים, און מיט זיי מוז מען שטאַרק פּאָרזיכטיק זיין, ווייל עס איז א כלל גדול „למה תלמיד חכם דומה לפני עם הארץ, בתחלה לקיתון של זהב, סיפר עמו לקיתון של כסף, נהנה ממנו לקיתון של חרס כיון שנשבר שוב אין לו עוד תקנה.

משה נאַדיר און מ. ל. האַלפּערן זיינען געווען די ערשטע פּורצי גדר, זיי האָבן מסתמא קיין שלעכטס ניט געמיינט, מיט'ן גרינדן אָדער אַרויספירן אויף דער אידישער גאַס די „שנאָרער אסאָ־סיאיישאָן", (אגב פּראָוועז זיי איצט דעמזעלבן קונץ מכח „פּראָ־לעטאַרישע קולטור"). די „שנאָרער" אָרגאַניזאַציע האָט מכלומרשט

געדארפט טאָן גוטע ארבעט פאַר דער אידישער ליטעראַטור, זי האָט אבער פאַרשפּרייט הפקרות, ציניזם איבער דער גאַנצער אידישער גאס, (די ארבעט פון דער איצטיקער שנאָרער אָרגאַניזאַציע איז אונז ניט באַקאַנט) איר ארבעט האָט זיך אָנגעפאַנגען אין ניו־יאָרק און האָט זיך שנעל ווי א פּעסט פאַרשפּרייט איבער'ן לאַנד. אַ סך פון אונזערע ערנסטע שרייבער האָבן אויך צוגעלייגט אַ האַנט און געהאָלפן די „שנאָרער", ניט פילנדיק אז מיט דעם פאַרניכטן זיי זיך אליין. אגב זיינען טאַקע צווישן די שרייבער אליין, צו קיין גנאי זאָל זיי ניט זיין, אויך דאָ א רעכט ביסל, וואָס האָבן ניט קיין ערנסטע באַציאונג צו דער שפּראַך און ליטעראַטור אין וועלכע זיי אליין שאַפן. ביי אַנדערע זעט זיך דאָס צו בולט אַרויס, האָבן זיך טאַקע די לעזער אַרונטער גענומען פון זיי די מאָס. דאָס זיינען אפשר אַלץ קליינקייטן, אָבער ירושלים איז אויך חרב געוואָרן, אפשר נאָך צוליב קלענערע קליינקייטן.

מיט א קורצער צייט צוריק האָט די „פּיפּלס רעליף" צו זייער „באַזאַר" ארויסגעגעבן א פּראָגראַם, און ניט קוקנדיק, וואָס דער צוועק פון דער אָרגאַניזאַציע איז א אידיש אידישער, די געלט־געבער—אידן, די טוער—אידן, קען נאָך זיין אידישער! פונדעסטוועגן האָבן מיר אין דעם גאַנצן (חוץ די אַנאָנסן פון מאַנישעוויץ'עס מצה און רוקח'ס פּאודער) ארום הונדערט־בלעטערדיקן־בוך ניט געפונען קיין אידיש וואָרט. קען נאָך זיין אז ערגערער שפּיי אין פּנים די אַרבעטער מאַכן אין אמעריקא און אין אייראָפּא פון — און פאַר וועמען די אָרגאַניזאַציע איז אויסשליסלאַך געוואָרן געגרינדעט און אויפגעהאַלטן ?! אויף איסט בראָדוויי איז אויפגעשטעלט געוואָרן א געביידע פון ביאַליסטאָקער „בקור חולים", אן אָרגאַניזאַציע מיט אן אייגענעם דריי־מאָנאַטלאַכן אידישן זשורנאַל, איז אויף דער געביידע אויסגעקריצט מיט ענגלישע אותיות "Bikur Cholim" מילא אז א איד לייענט דאָס איבער, שלאָגט ער זיך אָן אז דאָס מיינט די צוויי העברעאישע ווערטער „בקור חולים", אָבער די גוים, זיי זיינען דאָך ניט מחויב וויסן צו וואָס פאַר א שפּראַך „בקור טשאַלים" באַלאַנגט.

מיר וואָלטן געקענט ברייינגען א סך ביישפּילן, איז אָבער דער פּלאַץ באַשריינקט.

האָט מען אויפגעהערט לייענען ביכער?

עס איז באמת גאנץ שווער פעסטצושטעלען אויב מען האָט אויפגעהערט, נאָר קויפען ביכער אָדער אפילו לייענען ביכער. עס איז אוממעגלאך גיין נאכזען וואָס יענער טוט ביי זיך אין הויז, ווייל ווען איר זאָלט אפילו אריינקומענדיק אין הויז טרעפען, אז דער עולם איז ארומגעכאפט פון דער קארטן מגפה, קען אבער גאנץ מעגלאך זיין, אז אַן אנדער אָוונט אָדער אַן אנדער צייט פון אָוונט איז דער עולם אויך באשעפטיקט מיט'ן בוך, וואָרים ווייל א מענטש זאָל ניט לייענען, מוז ער דאָך אמאָל אויפהערן און טאָן אויך אַן אנדער זאך. בלייבט נאָר דער איינציקער וועג, נאָכזען די סירקולאציע פון די אָרגאניזאציע און שטאָט־ביבליאָטעקן.

וועגן די אָרגאניזאציע ביבליאָטעקן האָבן מיר שוין פריער דערמאָנט, אז דער עולם (חוץ א גאנץ קליינער אויסנאם) האָט זיי אינגאנצן פארלאָזן, ווייל ערשטנס, האָט די רייסעריי אין דער פּאַרטיי געבראכט דערצו, אז דער פּאַרטיי־מענש איז אזוי פיל פאראינטערעסירט (ניט אזוי אין דער פראגע ווי) אין דער רייסעריי צווישן די ר ע כ ט ע און ל י נ ק ע, אז ער מוז ניט אנדערש לייענען אין זיין צייטונג, ווי מען ר י י ב ט א זייט די געגנער, און אמאָל אויך כאַפּן א קוק אין דעם שונא'ס לאגער. דאָס האָט פארנומען דעם פּלאַץ און צייט פון בוך. און וועגן דעם טומלט מען זיך אין די „לייבאָר לייסעאומס", און וואו נאָר דער עולם קומט זיך צוזאמען.

דער זייטיקער מענש וואָס פלעגט אמאָל אריינקומען אין דער אָרגאניזאציע ביבליאָטעק נעמען א בוך, ווייכט איצט פון דאָרט צוליב דעם טומל און רייסערייען, וועלכער האָט פארשטערט דעם שלום בית אפילו צווישן די באזוכער. בלייבט אונז נאָר אויסגעפינען ביי די שטאָט ביבליאָטעקן. עס וואָלט נויטיק געווען צו האָבן א גאנצע אָפּהאנדלונג וועגן דעם עניין שטאָט ביבליאָטעקן, (א טייל פון אַן ארבעט, האָט דער שרייבער פון די ציילן, אָפּגעדרוקט אין דער „פרייע ארבייטער שטימע", זומער 1919), אָבער צום באדויערן קענען מיר זיך איצט דאָ, צוליב מאנגל אין פּלאַץ, מיט אַן אויספירלאכער ארבעט וועגן דעם עניין ניט פארנעמען.

וועגן די שטאָט ביבליאָטעקן איבער'ן לאנד וועלן מיר דאָ קאָנסטאַטירן דעם פאקט, אז דער גרעסטער טייל פון זיי האָבן אריינגענומען אידישע ביכער א דאנק דער אומדערמידלאכער אר־

בעט פון עטלאכע אגענטן. אין א סך שטעט האָבן די אידישע ראַ־דיקאלע אָרגאניזאציעס (דורך דער איניציאטיוו פון די אגענטן) געשיקט פארטרעטער צום ביבליאָטעקאר פון דער שטאָט ביבליאָ־טעק און געפאָדערט אז ער זאָל אריינגעמען אידישע ביכער. כמעט אומעטום איז די ארבעט געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג.

מיר וואלטן דאָ געקענט ברייננען א ריי פאקטן פון שטעט, וואס די „באָרד אָוו דירעקטאָרס" האָט באשלאָסן אריינגעמען אי־דישע ביכער, אסיגנירט געלט דערויף, אָבער די ביכער זיינען גע־קויפט געוואָרן ערשט מיט א צייט שפּעטער, ווען דער זעלבער אגענט וואָס האָט אויפגעוועקט דעם פארלאנג, אָדער א צווייטער האָט באזוכט די שטאָט, דורך קאָרעספּאָנדענץ זיינען גאנץ ווינציק ביכער געקויפט געוואָרן פון אָרגאניזאציע ביבליאָטעקן, שטאָט ביבליאָטעקן און אפילו פון פּריוואטע לעזער.

וואָס אמבאלאנגט דעם צוקויף פון ביכער אין פרעמדע שפּראַכן, ווענדט עס זיך אינגאנצן אָן ביבליאָטעקאר. די צירקו־לאציע פון אידישע ביכער פאר די לעצטע עטלאכע יאָר איז ניט פארקלענערט געוואָרן. ווען ניט דער „אנטי־פרעמדע" גייסט, וואָס הערשט איבער'ן גאנצן לאנד, וואָלט די אידישע ביכער צירקולאציע א סך געשטיגן. די צרה איז אָבער דאָס, וואָס די ביבליאָטעקארן (אויסער א גאנץ קליינע צאָל) האָבן גאָר קיין חשק ניט אריינצו־נעמען ביכער אין פרעמדע שפּראַכן.

ניט צוקויפנדיק קיין נייע ביכער, ווערט דערווייל א תל פון דער אַלטער קאָלעקציע און בּיסלאכווייז פארלירט דער לעזער דעם אינטערעס צו דער ביבליאָטעק.

אין די ניו־יארקער שטאָט־ביבליאָטעקן איז מען אויך ניט צו־פיל פארשווענדעריש ווען עס קומט צום אידישן בוך. (אמת איז, אז אפילו ענגלישע ביכער קויפט מען אויך ניט אזוי לייכט ווי אמאָל) אנשטאָט דעם וואָס מען פלעגט מיט עטלאכע יאָר צוריק אין „סיוארד פּארק ברענטש" (איסט בראָדוויי און דזשעפערסאָן סט.) אליין אריינגעמען צו 6 און 8 עקזעמפּלארן פון איין זאך, נעמט מען איצט ניט מער ווי איינעם. דערפאר קומט טאקע גאנץ אָפט אויס אָוועקגיין אָן א בוך, אָבער די פריינטלאכקייט און די באַ־זאָרגטקייט פון די אנגעשטעלטע, וואָס האָבן צו זאָגן איבער דער אידישער אפּטיילונג, ברייננט אייך צוריק אהין א צווייטן מאָל נאָכ'ן זעלבן בוך.

מיר ווילן דא איצט געבן אביסל אלגעמיינע אינפארמאציע וועגן די ניו־יארקער שטאט־ביבליאטעקן, כאטש מיר ווייסן אז עס האט כמעט אבסאלוט ניט צו טאן מיט אונזער הויפט עניין. מיר טוען דאס אבער, ווייל מיר זיינען זיכער, אז א גרויסער טייל פון דעם בעסערן אידישן לעזער זיינען, אזוי ווי דער שרייבער פון די צייל, פאראינטערעסירט, חוץ אין די אידישע ביבליאטעק־אפטיילונגען, אויך אין דער ארבעט פון די ביבליאטעקן אין אלגעמיין.

די ניו־יארקער שטאט ביבליאטעק איז פאר זיך אליין א גאנצע מלוכה, וועמענס פארמעגן עס ווערט געשאצט אין איבער זיבן ביליאן דאלער. 38 פון די 44 געביידעס, אין וועלכע די ביבליאטעקן געפינען זיך, זיינען א מתנה צו דער ניו־יארקער באפעלקערונג פון אנדריו קארנעגיע. חוץ אין די אייגענע געביידעס, ווערט די ארבעט געטאן פון 474 אגענטורן, ווי דעפארטמענט סטארס, האספיטעלער, פאליציי הייזער, פייער הייזער, א. ד. ג. אין די אלע אפטיילונגען געפינט זיך 2,752,594 ביכער און פאמפלעטן. כמעט א העלפט פון זיי ווערן געהאלטן פאר „רעפרענס" און קענען נאר באנוצט ווערן אין ביבליאטעק גופא. אהיים ווערן נאר ארויסגעגעבן 1,154,335 ביכער. ארום די ביבליאטעקן זיינען באשעפטיקט 1,274 מענטשן. ארום 85־80 פראצענט פון די אויסגאבן פאר דער צירקולאציע אפטיילונג דעקט די שטאט אליין, דאס איבעריקע קומט פון פארשידענע אנדערע קוואלן. אט האט למשל די פעני א טאג שטראף (פאר'ן האלטן א בוך איבער'ן באשטימטן טערמין) לעצטן יאר ארייננעבראכט ארום אכציק טויזנט דאלער.

ארום און ארום איז לעצטן יאר אויסגעגעבן געווארן $1,163,854.80 פאר דער צירקולאציע אפטיילונג און 799.41, $1,067 פאר דער „רעפרענס" אפטיילונג.

מיר גיבן דא איבער דעם אפיציעלן רעפארט פון דער אידישער ביכער צירקולאציע פאר די לעצטע עטלאכע יאר.

פאר גאנץ ניו־יארק	סיווארד פארק בר.	יאר
74,493	18,127	1919
80,107	18,218	1920
104,761	24,188	1921
103,724	21,627	1922
97,346	23,827	1923

אין די אנגעגעבענע ציפער ווערט ניט ארייננערעכנט 43,243

ביכער וואָס זיינען באנוצט געוואָרן דורכ'ן יאָר אין דער צענטראַל ביבליאָטעק, (42טע גאס און פינפטע עווענין). אין יאר 1922 זיי־נען אין דער איין ביבליאָטעק באנוצט געוואָרן נאָר 25,216 ביכער.

אין אלע ניו־יארקער שטאָט־ביבליאָטעקן (אויסער דער צענט־ראלער ביבליאָטעק) געפינען זיך 107.536 ביכער אין פרעמדע שפּראכן. פון זיי 12,300 אין אידיש, די גרעסטע קאָלעקציע פון אידישע ביכער 2,658 געפינט זיך אין סיוארד פּאַרק ברענטש.

צווישן דער צירקולאציע פון די ביכער אין פרעמדע שפּראכן, פאַרנעמט דאָס אידישע בוך דעם אויבנאַן און צירקולירט לויט'ן דורכשניט טאָפּלט.

די אלגעמיינע ביכער צירקולאציע פאַר יאָר 1923 איז 9,543,426. א פאַרלוסט פון 385,633 געגן יאָר 1922 און 682,940 אין פאַרגלייך מיט'ן יאר 1921. די אורזאכן פון דעם פאַרלוסט אין דער ביכער צירקולאציע, ווערט פון דער פאַרוואלטונג צוגעשריבן צו דער ניט גענינגענדער, געלט אפּראפּריאציע פאַר'ן אויפ־קויף פון ביכער, און ווי עס ווייזט אויס, איז דאָס טאַקע כמעט די איינציקע און ריכטיקע אורזאך.

בעלעטריסטיק ווערט געלייענט מער ווי אלע אנדערע צווייגן פון דער ליטעראַטור צוזאַמענגענומען.

צווישן די דרייצן שטאָט ביבליאָטעקן מיט אידישע קאָלעקציעס, פאַרנעמט „סיוארד פּאַרק ברענטש" דעם אויבנאַן, ניט נאָר אין דער צאָל עקזעמפּליאַרן, נאָר אויך אין צירקולאציע. ווען מען נעמט אין אמבאטראכט אז דער „ברענטש" איז שטענדיק געפּאַקט מיט מענטשן, — וואָס האָבן אפילו ניט קיין פּלאַץ צו זיצן נאָר שטייען און לייענען, מוז מען קומען צום באַשלוס אז די אָפיציעלע אָנגעגעבענע ביכער צירקולאציע איז ווייט אין אז ערד קלענער ווי די אמת'ע צאָל ביכער וואָס ווערן דאָרט געלייענט, ווייל די אויף־אָן אָרט געלייענטע ביכער זיינען דאָך חוץ לחשבון.

דאָסזעלבע קען אויך געזאָגט ווערן וועגן די אָפּטיילונגען „האמילטאָן פיש פּאַרק" און „ריווינגטאָן סטריט". פון די אָנגע־געבענע ציפערן זעען מיר אז דער אידישער לעזער האלט נאָך ווייט פון אויפגעבן דאָס לייענען, נאָר גראָד פאַרקערט, ער האָט זיך שטאַרק פאַרמערט און אנטוויקלט פאַר די לעצטע עטלאכע יאָר. מיר דאַרפן אָבער זען אָנהאַלטן די לעזער און נאָך פאַרגרעסערן דעם צוואוקס.

אין דעם איצטיקן מאָמענט.

כמעט אלע פאַרלאַגן, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך דער „גאָלדענע צייט“, זיינען צו גאָרניט געוואָרן. עטלאַכע האָבן באַנקראָטירט, אנדערע, האָבן אויף אַביסל אַן אנשטענדיקערן אופן זיך אריבערגעפּעקלט אויף יענער וועלט.

עס וואָלט אינטערעסאַנט געווען גאַנץ גענוי זיך אָפּשטעלן אויף יעדן פאַרלאַג און פאַרלעגער באַזונדער: אָנצייגן אויף זייערע געלט מיטלען, זייערע באַציאונגען צו דער אידישער ליטעראַטור, זייערע אויסגאַבן, די אורזאַכן וואָס האָט זיי געבראַכט צו פאַרלעגעריי, זייערע געשעפט מעטאָדן, צום סוף די אורזאַך פון זייער אונטערגאַנג, און נאָך אַזעלכע קליינינקייטן, וואָס זיינען פון גרויס וויכטיקייט פאַר דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור אין אמעריקאַ. איז אָבער ערשטנס נאָך צו פריש די וואונד, אַז מיר זאָלן זיך קענען דערלויבן עמיצן ווי טאָן, אין דער צייט ווען זיי האָבן קיין שלעכטס ניט געמיינט. דערצו האָבן נאָך אנדערע „ניט אריינגעלייגט דעם שווערד אין שייד“, און זיינען נאָך גרייט אָנצופאַנגען פון דאָסניי. זיי וואַרטן נאָר אויף אַ פּאַסיקע געלעגנהייט. דער עיקר אָבער איז אַז די אלע איינצלהייטן מוזן דאָ אויסגעלאָזן ווערן צוליב דחק אין פּלאַץ.

דער יתר הפּליטה פון אונזערע פאַרלעגער, גיט זיך כמעט אינגאַנצן אָפּ מיט זייערע אָפענע ביכער געשעפטן, קיין נייע ביכער גיבן זיי ניט ארויס, און אויב אפילו מען באַמערקט יאָ אמאָל אַ בוך פון דעם אָדער יענעם פאַרלאַג, איז דאָס ניט מער ווי אַן אָנשטעל, ווייל אין דער אמת'ן האָט דער מחבר אליין ארויסגעגעבן דאָס בוך, אויף זיינע אייגענע הוצאות. אי, סטייטש, דער נאָמען פון אַ פאַרלאַג געפינט זיך דאָך אויפ'ן בוך? איז טאַקע „יש טעם בדבר“. ערשטנס, איז עפּעס ניט אנגענעם דער געפיל — און אגב איז אויך ניט פּאַסיק, אַז עס געפינט זיך ניט קיין פאַרלעגער ארויסצוגעבן „מיינע ווערק“, מאַ זאָל שוין בעסער זיין אַ כפּרה די „עטלאַכע דאָלער“ אבי ס'איז דאָ אַ „ווערק“. צווייטנס, איז דאָך אַ פאַרלאַג אַן אינסטיטוציע מיט אַן אייגענעם אַדרעס און טאַקע אדרעסן פון אַביסל בוכהענדלער און לעזער, קען דאָך דערפאַר אמאָל פּאַסירן, אַז ס'זאָל אַהין ווען ניט איז פאַרבלאָנדזשעט אַ באַשטעלונג פון אַ בוכהענדלער אָדער לעזער.

יא, עס איז געקומען די צייט פון „והחזיקו שבע שרייבער ב'פארלעגער אחד לאמר..."

דאָס אייגענע קען ביז א געוויסן גראד אויך געזאָגט ווערן וועגן ביכער פון די היגע שרייבער, וואָס ווערן ארויסגעגעבן אין אייראָפּא. א טייל, גיבן טאַקע אָן, אז די ביכער זיינען „ארויסגעגעבן פון מחבר". אין דורכשניט אבער קליבט זיך יעדער שרייבער צו, (פאר זיין פארלאג), א נאָמען, וואָס קלינגט אים אמשענסטן. אויף אַזאַ אופן קומט אויס, וויפל ביכער כמעט אַזויפיל (נעמען פון) פארלאַגן.

עס איז נאָך דערוויל שווער צו זאָגן „וואָס די שיפן וועלן ברייננגען", אָבער, מיט וועמען מען רעדט, הערט מען נאָר „איך קלויב זיך ארויסגעבן", און פריער אָדער שפּעטער, „קלייבט" זיך עמיצער דאָך אויס. עס איז שווער צו פארצייכנען אַלץ, וואָס ווערט צוגעגרייט, ווייל נאָך אַלעמען קען מען דאָך ניט זיכער זיין אויב אַלע זאכן וועלן דערשיינען. א טייל — זיינען יוצא מיט'ן „צוגרייטן" אַליין, מיר וועלן דאָ אבער אָנגעבן כמעט א גענויעם צעטל פון די שרייבער, וואָס האָבן ארויסגעגעבן (אָריגינעלע ווערק און איבערזעצונגען) דורך די לעצטע פּאָר יאָר. (א קליינער טייל פון די ביכער זיינען געדרוקט געוואָרן אין אייראָפּא):

אבן, י.; אדלער, י.; אייזלאנד, ר.; אלמי, א. (א. ח. שעפּס); אפּאטאשאו, י.; בובליק, ג.; בוקשטיין, א.; בידערמאן, א.; בלום, א.; ברוין, ד.; גאָלד, ה.; גודמאן, פּ.; גודעלמאן, ה.; גלאזמאן, ב.; גראָס, נ.; דובאָווסקי, דר.; דייקסעל, ש.; דרימער, ה.; האלפּערן, מ. ל.; וויינפּער, ז.; וויינשטיין, ב.; זאלאטאראָוו, דר.; זעצער, ש. צ.; טאפּלאָוויץ, א.; יוד, נחום; כאנוקאָוו; לאנדוי, ז.; ליבערמאן, ח.; לייוויק, ה.; ליבט, מ.; ליליפּוט; ליפּצין, ס.; לעווין, ז.; לעיעלעס, א. (גלאנץ, א.); מאגידאָוו; מאטעס, ל.; מארגאָלין, אננא; מלמד, משה; מנחם; מעדעם, וו.; מעקלער; מעריסאן, דר.; נאטאנזאָן, וו.; ענטין, י.; עפּשטיין, א.; ערדבערג, ש.; פּאזנער, מ.; פּינסקי, ד.; פּערעלמוטער, מ.; פרידמאן, לוי; צביון; קאבריז, ל.; קאהן, ס.; קאלושינער, י. ל.; קארמאן, מ.; קארפּילאָוו, מרים; קוסמאן, ל.; קורץ, ש.; קלומאק, א.; קלינג, ל.; ראָזענבוים, מ. מ.; ראָלניק, י.; ראנטש, י.; רובין, מ.; שווייד, מ.; שטיינבערג, נח; תלוש, תשרק. (אין דעם אָנגעגע-

בענעם צעטל, ווערן ניט גערעכנט די צוזאמענשטעלער פון די עט־לאכע לער־ביכער, וואס זיינען לעצטנס דערשינען).

דער „שלום עליכם פאונדיישאן" איז ביי דער איצטיקער צייט דער פראדוקטיווסטער פארלאג אין אמעריקא. כאטש ביי זיי דער־שיינט ניט מער ווי איין „סעריע" (4 בענדער) אין אנדערהאלבן יאר. דערנאך קומט די „קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט" (וועמענס אייגנס איז אינגאנצן איבערגעגעבן געווארן צו דער „פרייע ארבייטער שטימע" בתנאי אז זיי זאלן אנהאלטן דאס ארויסגעבן אומגעפער צוויי בענדער א יאר). מ. יאנקאוויטש קומט אויך ארויס מיט איין בוך (אן איבערזעצונג) אין צוויי יאר.

פון דער גאנצער גערעטעניש אויף פארלאגן, זיינען מיר גע־בליבן ביים אלטן, דער „ליטעראַרישער פארלאג", (ער גרייט איצט צום דרוק נאך א לאנגן שטילשווייגן, דעם פערטן באנד „די גרויסע אידישע געשיכטע" פון חיים שוים). די „היברו פאבלישינג קאמפ." (גיט אין אידיש ארויס נאר לער־ביכער). פארלאג „אידיש" (האלט זיינע פלענער בסוד) און דעם „מייזעל'ס פארלאג", דער לעצטער האט שוין אויך א לאנגע צייט גאר ניט ארויסגעגעבן. דארט ווערט איצט צוגעגרייט אן ענגלישע איבערזעצונג פון דובנאוו'ס אידישע געשיכטע. די צייטונגען און ארגאניזאציעס זיינען אויך כמעט „ארויס פון ביזנעס". דער „ארבייטער־רינג" האט זיך גענומען פארקויפן אביסל ביכער, צו רעדוצירטע פרייזן. אבער צום באדויערן איז זיין אויסוואל א גאנץ קליינער און דערצו נאך — כמעט אויסשליסלאך איבערזעצונגען.

די ביכער געשעפטן איבער'ן לאנד האבן אוועקגעלייגט די אי־דישע ליטעראטור אן א זייט און האבן זיך גענומען צו רומ"ל, מיט די אנדערע רעליגיעזע כלי מכשירין.

מיר האבן לעצטנס געזען א סצענע, ווען א פרוי איז אריין אין א בוך־געשעפט, קויפן אום שבת א טלית, דער בוך הענדלער, דער־הערנדיק דעם פארלאנג פון קונה, האט זיך א לאז געטאן אנטאן זיין היטל, און עס איז אים נעבאך גארניט איינגעפאלן אז „אום שבת" מעג גראדע יא פארקויפן א טלית „בגלוי ראש". אונזער „יונגער מענדעלע מוכר ספרים" (מאקס יאנקאוויץ פארזיכערט אונז, אז דער שילד מיט אט דעם אויפשריפט איבער דעם אריינ־גאנג פון זיין געשעפט, „ברייננגט ביזנעס". ווייל דער עולם דיינקט

אז ער איז עפּעס א „קנעפּל“ צום אמת'ן „מענדעלע'ן“.) גייט ארום אין קראָם אין א יארמולקע דעם גאַנצן חודש „אלול“, כדי נושא־חן־זיין אין די אויגן פון די „ימים נוראים'דיקע“ קונדן.

דער ערשט ניט לאַנג געגרינדעטער „שאצקי פארלאג“ האָט קיין נייס ניט ארויסגעגעבן. ער האָט נאָר איבערגעדרוקט די פּופּצן בענדער מאפּאסאן, וואָס דער „פאָרווערטס“ האָט ארויסגעגעבן.

דער פארלאג „זאנגען“ וואָס האָט דערווייל נאָר ארויסגעגעבן „דער זומפּ“ פון תלוש, און וועט שוין מסתמא אויך די גאולה ניט ברייננגען.

צו דער זעלבער קאַטעגאָריע קען אויך צוגערעכנט ווערן דער אמאָליקער „טויבענשלאג פארלאג“, וואָס איז איצט איבערגענומען געוואָרן פון דער „אידישער פעדעראציע“ ביי די „וואָרקערס פּאַר־טי“ און דער פארלאג „310“ (הערמאן גאָלד).

דער אגענט, דער מרביץ תורה ברבים, איז מיד געוואָרן פון ארומפאָרן, נע ונד זיין, דערפאר האָט ער זיך צוגעשלאָגן צו א וועלכע ניט איז אנדער פרנסה. עס זיינען נאָך דאָ עטלאכע אגענטן וואָס פארקויפן אידישע ביכער, אָבער ניט ווי א הויפּט ארטיקל. דאָס אידישע בוך איז ביי זיי ניט מער ווי א בייזאך צו זייער ענגלישן בוך־פארקויף, פון וואָס זיי ציען זייער הויפּט חיונה. פאר א נייעם אגענט וואָס זאָל זיך אפּגעבן ספּעציעל מיט אידישע ביכער, וואָלט שווער געווען עפּעס אויפצוטאָן, צוליב די רייסערייען צווישן די רעכטע און לינקע, און גיין זוכן גאָר נייע קונדן אויסער די אָרגאניזאציעס, באַדערט שוין א סך אַנשטריינ־גונג. דערצו מוז דער אגענט באַזיצן אויסערגעוויינלאכע פייאיג־קייטן, דערפאר טאקע גיבן זיי זיך אָפּ מיט ענגלישע ביכער, וואָס זיי פארקויפן טאקע צו אָט די אָרגאניזאציע מענטשן און מאכן אַ ערפאָלג, ווייל פארקויפנדיק א אידן א סעט שעקספּיר, טווען, אָדער „בוק אָוו נאָולעדזש“ איז ער ניט מחויב אריינצוגיין מיט אים אין א געשפּרעך וועגן די רעכטן און אומרעכטן פון די רעכטע און לינקע.

צווישן די קויפער וואָס האָבן זיך „אָנגעסטאקט“ מיט ביכער, געפינען זיך אזעלכע, וואָס באָטן אָן צום פארקויפן זייערע ביכער, אָבער ווען עס קומט צום „שליסן דעם דיל“ זיינען זיי זיך מיישב, אָז נאָך אלעמען — בעטן דאָך די ביכער קיין עסן ניט, טו זאָלן זיי שוין זיין אין הויז. דער בעסערער טייל פון אָט דעם סאָרט עולם האָט זיך מיישב געווען, צוליב וואָס קויפן ביכער, אז מען קען דעם

שרייבער אליין אראפּברייננגען אין שטעטל אריין?! טרעפט מען טאקע א רעכט ביסל שרייבער (דערהויפּט די יונגע) אלס געסט אין די שטעטלאך, וואו זיי ווערן געבראַכט אַ נ ג ע ק ו ק ט צו ווערן. דער שטעטלשער עולם האָט הנאה און די געסט לייגן אויך ניט צו צום געשעפט.

די ליטעראַרישע אכסניות (ספּעציעל די וואו אגענטן פלעגן אויפגענומען ווערן) זיינען בטל געוואָרן צוליב דעם, וואָס דער בעל האכסניא איז דורך דער צייט נתעשר געוואָרן און „באדערט" זיך שוין ניט מער מיט „נאַנסענס", ווי אין אמאָליקע יאָרן, אדער צו־ליב דעם וואָס ער איז געוואָרן א פּראָפעסיאָנעלער כלל טוער און איז צו פּראַקטיש אָפּצוגעבן זיך מיט דער אידישער ליטעראַטור וואָס גיט לחלוטין ניט קיין ברעקל „פּובליסיטי".

די פּלעצער וואו מען פלעגט אמאָל פאַרקויפן ביכער, (אין די „לייבאָר לייסעאום׳ס, אין די פּאַרזאמלונגס לאָקאַלן און ביי זיצונ־גען), זיינען שוין ניט מער מסוגל דערצו. דער איינציקער וועג, ווי אזוי צו פאַרקויפן עמיצן ביכער, איז: טרעפן אים אינדערהיים, ווייל „ביחידות" געפינט זיך נאָך ביי יעדן איינעם אביסל ערנסט־קייט.

די אָרגאַניזאַציעס האָבן וויכטיקערע ענינים ווי די אידישע ליטעראַטור, אפילו ביי די בעסערע, קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס פאַר־נעמט אויך דעם אויבנאָן ניט די אידישע ליטעראַטור, נאָר די פראגע פון פאַרכאַפּן א פּאָזיציע צווישן די לאָקלע אָרגאַניזאַציעס אָדער אין דער געזעלשאַפט. אמת, מען מוז צוגעבן אַז אַ טייל פון די אָרגאַניזאַציעס און פּאַר־טייען פאַרקויפן אליין אויך אַ רעכט ביסל ביכער, די ביכער ווערן אָבער דאָרט געקויפט נאָר צוליב דעם ווייל די פּאַרטיי פאַרקויפט זיי און מען מוז אויסהעלפן דער פּאַרטיי אין אלע אירע אונטער־נעמונגען, ניט חס וחלילה דערפאַר ווייל מען גאַרט אזוי שטאַרק צו לייענען די ביכער, עס איז רעכט אַז די געקויפטע ביכער וועט מען נאָר קיינמאָל ניט אָנקוקן.

דער אויספאַרקויף פון אידישע ביכער צו רעדוצירטע פרייזן ביי די אָרגאַניזאַציעס, צייגט ניט (אפילו ווען מען כאַפּט דאָרט די ביכער ווי מצה־וואַסער) אַז עס לוינט זיך פון געשעפט שטאַנד־פּונקט ארויסגעבן אידישע ביכער, עס צייגט נאָר עס איז פאַראַן אַ גרעסערע מעגלאַכקייט צו פאַרקויפן ביכער (פאַר ווינציקער ווי

העלפט פון דעם נאָמינעלן פּרייז) ווען עס געפינען זיך פאַרלעגער וואָס האָבן צו די ביכער צוגעלייגט שווערע טויזנטער דאָלערס אין ווילן דערפון פּטור ווערן אום וועלכן ניט איז פּרייז.

דער נייער אריבערגעקומענער האָט זיך געגנוג אַנגעליטן דורך די לעצטע עטלאכע יאָר מלחמה, אז ער וויל קודם כל דבר, זיך אביסל איינאָרדנען, זעען זיך מיט ליטן גלייך. דאָס אידישע בוך איז ניט קיין „שד" און וועט ניט אנטלויפן. ער מאַכט נאָך דער־וויל דעם חשבון אויף רובלס אָדער מארקן און קומט צום שלום אז אויסגעבן מיליאָנען אויף א אידישן בוך האָט גאָט אליין ניט געהייסן. עס איז פּראקטישער אריינצולייגן א דאָלער אין א באַנק בוך איידער אויסגעבן עס אויף אַ אידישן בוך.

די נייע „אימפּאָרטערס" מגפה, די וואָס פלעגן אליין באַציען אידישע ביכער פון איירָאפּא פון ספּעקולאַציע וועגן, אָדער די, אויף וועמען זייערע פריינט פון איירָאפּא פלעגן אָנווארפן פּעק מיט בי־כער, געקויפט מיט פּוילישע מאַרקן און דערוואַרט דערפאַר די שווע־רע אמעריקאנער דאָלארן, האָט זיך שוין אויך איינגעשטילט. עס זיינען פון זיי פארבליבן נאָר עטלאכע, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט איירָאפּייאישע, דער עיקר, העברייאישע ביכער, די איירָאפּייאישע ביכער שטייגן אין פּרייז, און די צייט איז ניט ווייט, ווען מען וועט אין איירָאפּא קענען באַשטאַטן אין גלייכן געלט א רעכט ביסל פון אונזערע אמעריקאנער אַרויסגעגעבענע אידישע ביכער.

וואָס בלייבט צו טאָן.

דער ביז איצטיקער טומל וועגן קריזיס אויפ'ן אידישן ביכער מארק האָט דערווייל גאַנץ ווינציק אויפגעטאָן פאַר דער אידישער ליטעראַטור. דער שרעק וואָס מען האָט אָנגעוואָרפן אויפ'ן עולם, האָט נאָר געבראַכט דערצו, אז ווייכהאַרציקע מענטשן האָבן זיך גע־וואָרפן „אין פייער אריין" ר א ט ע ו ו ע ן, און ווי דער שטיי־גער ביי א שרפה ווערט אין טומל געראַטעוועט נאָר דאָס אומוויכ־טיקסטע, אזוי אויך דאָ איז די גוטהאַרציקייט פון די אידישע לי־טעראַטור ליבהאָבער אויסגענוצט געוואָרן אויף קליינקייטן. ס'האָבן זיך אין ניו יאָרק, און ספּעציעל אויף דער פּראָווינץ, צוזאַמען גע־נומען פריינט פון אומבאַדייטנדע שרייבער און מען האָט אַרויס־געגעבן זייערע ו ו ע ר ק. מען האָט געזאַמלט געלט און אַרויס־

געגעבן זאמלביכער, — זשורנאלן (טאראנטא, באסטאן, שיקאגא). די אויסגאבן האבן זיך מיט קיין אויסערגעוויינלאכעס ניט אויסגע־צייכנט און דעם אידישן ביכער־מארק האבן זיי קיין גוטס ניט געטאן, ווייל עס זיינען צוגעקומען נאך א רעכט ביסל „פאליצע לי־גערס“. אגב האבן די מתעסקים געדיינקט אז זיי טוען אויף גאט ווייס וואס, און דערווייל פארלאזן א סך וויכטיקערע ארבעטן, מיט וואס זיי האבן זיך פריער פארנומען.

אויב אין שיקאגא האט נאך דער עולם ניט איינגעזען אז איין „גדול“ קען קיין זומער ניט מאכן, וועלן זיי דאך אבער אביסל שפעטער אויך מוזן דערפילן אז זיי האבן שוין זייער „פליכט“ אפגעטאן, ווייל אומשטערב־לאכקייט איז ניט אזא זאך, וואס לאזט זיך טיילן אויף גלייכע חלקים, (אפשר לאזט זיך עס גאר אינגאנצן ניט טיילן).

וואס אמבאלאנגט די געזעלשאפטן, וועלכע פארמירן זיך פון צייט צו צייט ארויסצוגעבן בעסערע זשורנאלן וועלן זיי מוזן פריער אדער שפעטער איינזען אז מיט די פאר טויזנט דאלער, וואס מען רייסט ארויס פון עטלאכע מעצענאטן (וועלכע מען צאלט דערנאך אפ מיט אוצרות כבוד) קען מען וווייט ניט גיין, מען דארף זיך ניט צופרידנשטעלן מיט זשורנאלן אויף חיי שעה, מען קען ביי אונז מיט אביסל ערנסט און פאך־קענטנים שאפן פערמאנענטע זשורנאלן.

די „צוקונפט“ וואלט זיכער געקענט זיין א באצאלבארער זשורנאל, ווען די „פארווערטס־לייט“ זאלן דאס נאר וועלן. ווערט דאס אבער ביי זיי פאררעכנט אלס א „שבת׳דיקע קאפאטע“ און עס ארט זיי ניט וואס דער בגד קאסט זיי ארום צען טויזנט דאלער א יאר. דער „פארווערטס“ קען „אפארדן“.

דאס אידישע בוך נויטיקט זיך ניט אין קיין רעטער און ספעציעל אין אן ארגאניזירטע „רעטער־מאכט“, די ליבהאבער פון אידישן בוך קענען נאר העלפן, ביים פארווארפן א גוט ווארט, און וועקן צווישן זייערע פריינט אן ערנסטע באציאונג צום אידישן בוך. עס איז אבער אומבאדינקט נויטיק פריער פאר אלץ זיכער זיין אין זייער אייגן ערנסטער באציאונג צו דער אידישער ליטע־ראטור. מיר מוזן פארזיכערן דאס אידישע בוך ניט דעם אידישן ביכער מארק. אונזער טאג פרעסע ווערט פון טאג צו טאג אלץ מער קאמערציאליזירט און פארלירט די פירערשאפט.

דער עולם דיינקט וועגן איר ווי פון דעם ש מ ש וואָס ק ל א פּ ט אי ן ש ו ל אַ ר י י ן א ו ן ל י י ג ט ז י ך אַ ל י י ן ש ל אָ פ ן. היינט פאַר וואָס זיך רייסן דעם פּעלץ צוליב דעם, וואָס די פּרעסע גיט זיך מער אָפּ מיט טעאַטער און אַקטיאָרן, — ווי מיט'ן אידישן בוך. איידער אַזאַ ניט „זויבערע", ניט ערנסטע באַציאונג ווי צום טעאַטער און די אַקטיאָרן, איז שוין בעסער אַז מען לאָזט אונז איינגאַנצן צורו, מוחל אַזאַ באַציאונג.

דאָס אידישע בוך נויטיקט זיך און פאָדערט צו זיך אַן ערנסטע באַציאונג דורך און דורך. מיט „בומען" טאָר מען אים ניט פאַרביליגן. אויב עס וואָלט זיך ביי אונז אויף דער אידישער גאַס געפונען עמיצער, וואָס וואָלט חשק געהאט אריינלייגן אין ביכער געשעפט הונדערט טויזנט דאָלער, און אַנשטעלן אַ צענדליק אַגענטן, וואָס מוזן פריער פאַר אַלץ פאַרגעסן די געוויינטלאַכע געשעפט „טריקס" און „סקימס" נאָר מוזן האָבן אַן ערנסטע באַציאונג צו זיך אַליין — צום בוך און צום לעזער, געשעפט זאָל ניט גראד געטאָן ווערן במזומנים, נאָר מען זאָל אויך געבן ביכער אויף קליינע מאָנאַטלאַכע אָפּצאָלונגען, וואָלט ביי אונז גאָר אין אַ קורצער צייט געשאַפן געוואָרן אַ אידישער ביכער־מאַרק. עס מוזן אויך צוליב די זעלבע טעמים געזיכערט ווערן די זשורנאַלן. קוים איז אַ זשורנאַל ניט זיכער מיט'ן דערשיינען די פולע צייט פאַר וועלכע ער איז גרייט נעמען געלט אין פאָראויס ביי סובסקרייבער, מוזן אַנגענומען ווערן מיטלען, אַז די אַרויסגעבער זאָלן צווישן עולם קיין געלט ניט זאַמלען. (אַזאַ אַרבעט האָט אויף זיך געזאָלט נעמען דער „פאַראיין פון אידישע צייטונגען און ליטעראַטור פאַרשפרייטער". דער פאַראיין האָט אבער געהאַט קורצע יאָר). ניט האָבנדיק קיין מעצענאַטן, מוזן די עטלאַכע פאַרבליבענע פאַרלעגער צום אַלעמערשטן, פטור ווערן פון די איבלען, וועלכע זיינען ביז איצט געווען דער הויפּט שטער פון געשעפט. מען מוז איינאָרדנען אַזוי, אַז מען זאָל שוין ניט קענען הערן דעם פאָרוואורף „אידישע ביזנעס". דער אידישער ביכער געשעפט מוז ווערן אַ מוסטער פון פּינקטלאַכקייט, רעספּעקט און גוטע באַהאַנדלונג, ווייל צום אידישן פאַרלעגער און בוכהענדלער שטעלט מען גרעסערע פאָדערונגען ווי צו די אַלגעמיינע, גוי'שע. דער אידישער פאַרלעגער מוז זיין כולו תכלת.

עס איז נאָך דאָ אַ רעכט ביסל עולם, וואָס האָט אַן ערנסטע באַציאונג, — און נאָך גאָר אַ גרויסע צאָל, וואָס מען קען דער־

ציען צום אידישן בוך. מען דארף זיי נאר אויפזוכן און דורכ־שמועסן זיך מיט זיי. פאר דער ארבעט מוזן אנגעשטעלט ווערן מענטשן פון דעם שניט אויף וועלכן מיר האבן אויבן אנגע־ציינגט. די פריינד פון אידישן בוך (אפילו די וואס זיינען געווארן ציניקער, וועלן אויך געצוואונגען זיין ארויף אויפ'ן דרך הישר) וועלן דא און דארט אויך צו ליי גן א האנט און מיט־העלפן אין דער ארבעט.

סאי די פארלעגער, סאי די אגענטן דארפן קיין קרבנות ניט ברענגען. די פאסיקע מענטשן קענען מאכן א שיינעם אנשטענדיקן לעבן און אויך אויפטאן גוטע ארבעט.

די רעטונג פון אידישן בוך איז ניט אפהייגניק אז וועלכער ניט איז ארגאניזאציע, נאר עס ליגט אין די הענט פון די, וואס פארנעמען זיך מיט אים.